START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1891.9

Bernstein, S. (Simon).
Reb Yohtse dal geye : a komedye mit a roman.
Kishinov, 1884

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1891.9

Bernstein, S. (Simon), b. 1884.
Reb Yohtse dal geye : a komedye mit a roman. Kishinov : L. Harik, 1884
Varying form of title: Reb Iokhtse Dalgeie.
32 p.
Queued for microfilming

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Moldova-Kishinev

ID : NXYH01-B15959 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8978

Reduction ratio X 10.0

2/8978

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

טראלע יידישע ביבליאטעק

ר' יאחצע דל גאה

א קאמעדיע מיט א ראמאן

אין 5 אקטען

ערשטער טהייל

פערפאסט פון ש. בערנשטיין.

הובא לבית הדפוס ע"י אברהם ניסן מלמד מ"ס מקעשיניאב.

קישיניאב.

אין טיפאגראפיע פון ל' האריק חארלאמפיעווסקע נאם.

תרמ"ה

РЕБЪ IОХЦЕ ДАЛГЕЙЭ.

КОМЕДIЯ ВЪ 5-ТИ ДѢЙСТВIЯХЪ

ЧАСТЬ ПЕРВАЯ

сочиненiе **С. БЕРНШТЕЙНА.**

КИШИНЕВЪ.

Въ Типографiи Л. Харика.

1884.

פּערזאָנען

ר׳ יאָחצע דל גאה א אָפּגעקומענער עושר, אַ גרויסער חסיד.

שרהלע זיין ווייב.

גאָלדעלע זייער טאָכטער, אַ פריילין פון 16 יאָהר, איז שיין, קליג, און פערשטאַנדיג.

משהלע איהר געליבטער, אַ יונגערמאַן, געבילדעט און רייך, ער איז אַ אויפגעקומענער עושר.

אַברהמיל, זיין פריינד, אַ בעיאהרטער מענטש און ניט קיין נאַר.

בענדעט מיט יענטלין, זיי דינען ביידע ביי ר׳ יאָחצען.

אַ קרומער, אַ היקיוואַטער, אַ בעטלער, זיי זענען קבצנים וואָס קומען בייטין נדבות ביי ר׳ יאָחצין.

אַ שיינער יוד, אַ סודעבני פּריסטאַוו מיט קרעדיטאָרין, געסט ביי ר׳ יאָחצין.

Дозволено цензурою Одесса 2 Августа 1884 года.

ערשטער אַקט.

(אין עק נאָס אויף איין זייט שטעהט איין אַלט הייזעל אין צוויא שטאָק, דאָרט וואוינט ר׳ יאָחצע דל גאה, אויף דער צווייטער זייט אַקעגען שטעהט אַ שיין הייזעל דאָרט וואוינט משהלע גליקליך.)

ערשטע סצענע.

(משהלע שטעהט ניט ווייט פון דעם צובראָכענעם פּאַרקין וואָס רינגעלט אַרום ר׳ יאָחצעס הויז און קוקט אַריבער פאַרטראַכטערהייט, אַברהמיל שטעהט אין פענסטער ביי משהלען אין שטוב און זעהט וויא משהלע איז זייער פערטראַכט, אַברהמיל שמייכעלט און ציהעט מיט די אַקסלין, דער נאָך שטעלט ער אַרויס דעם קאָפּ פונים פענצטער און רופט:) משהלען משהלע! (משהלע הערט ניט) אַברהמיל: שרייא הייגט, שרייא מאָרגען, אַז ער איז גאָר ניט אויף דעם עולם; 8 טאָג אַז ער האָט אויף גיהערט צו זעהן, יעצט הערט ער שוין אויך צו מזל הערין אויך, נאָ נאָ דיא פערליבטע זענען אַשטייגער וויא די פאַרטשאַרעטע, זייא הערין ניט, זייא זעהען ניט, זייא רעדען ניט נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט אין זיי און די אויגען קוקען און ווייסען אַליין ניט וויא אַהין, איך מוז איהם געהען רופין וואָרין ער קען דאָ אָפּ שטעהען ביז נאַכט.

משהלע: (רעדט צו זיך) איך האָב עפּעס גאָר קיין אויס רייד ניט אַריין צוגעהן, און צייט עס איז געוואָרען קיהל זעהט מען זיא שוין גאָר ניט אין גאַס, זיא מוז נעבעך ניט האָבין אין וואָס אַרויס צוגעהן, אַ רחמנות, אַזאַ ברילאַנט דאַרף נעבעך זיין ביי אַזעלכע עלטערין (אַברהמיל געהט צו איהם צו און קלאַפּט איהם אָהן אויפען אַקסעל) משהלע: אָה דוא ביסט דאָס אַברהמיל? — אַברהמיל: איך רוף דיך, און רוף דיך און דוא הערסט ניט, וואָס שטעהסטו דאָ אין דער פּאָגאָדע, ווילסט דעם קאַטהער בעקומען? משהלע: עט דאָס וועטער איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, אַברהמיל: עס פאַרשטעהט זיך אַז פאַר דיר איז דער אָסיען דער שענסטער מאַי — צו וואָס דען איך ביט דיך האָסטו דיר געקויפט דאָס הייזעל און האָסט בעצאָהלט וויפיל מען האָט אַליין געוואָלט? צו וואָס האָסטו פערדאָרבען דעם פּאַסאַד און האָסט געהאַקט אַ פענסטער תאַטש מען דאַרף גאָר ניט כדי... כדי... כדי עס זאָל דיר אויס קומען צו אַריין קוקען... איז דאָס אַלעס נאָך וועניג מוז מען נאָך העלפען פונים טאָג צו ברענגען אין דרויסען. משהלע: ליבער אַברהמיל, אויף דיינע אַלע שטעכווערטליך האָב איך נאָר איין תירוץ. אַברהמיל: איך ווייס עס אויסענווענג. משהלע: שוין צוויי וואָכען אַז איך

האב גאלדעלען ניט גיזעהען, איך ווער שיער משוגע. אברהמיל: הם! משוגע בימסטו שוין לאנג, צייט דיא האסט דיר איינגעבילדעט דיא נארישקייט. משהלע: דיא נארישקייט? האסט אפשר אין איהר א חסרון? איהר ארימקייט אפשר. אברהמיל: עט ביזט א קינד, ארים איז קיין שאנד, בפרט אז דיא ביזט ב"ה רייך און קענסט זיא אויך רייך מאכין. משהלע: וואס זשע רעדן? אברהמיל: דיא דארפסט נאך פרעגין? קענסט רעדן ניט דעם שטאלין פון איהרע עלטערין? משהלע: (מיט א זיפץ) צו אומגליק קען איך זיי. אברהמיל: דאריבער זאג איך דיר אז עס איז פין תחילת אן א נארישקייט. משהלע: זאג מיר איך בייט דיך וואס האבין זיי צו מיר? בין איך רעדן חלילה פון נחות דהנא'ס ארויס געקומען? אברהמיל: איך ווייס גאר ניט וואס דיא פרעגסט, בארעכען וואס זאגסטו דוא אקעגען זיי? ר' יאחצע אליין איז פון דור דורות אנגעטינקט אין יחוס זיין ווידע איז געוועזען ר' דין בן שטעמפעל דער פארלאוויצער צדיק, זיין פלוניתטע שוויגער איז געוועזען ר' יוחנצע לאקשיוויצערס אין איינגען געשוועסטערקינדס אוייב, ווילסטו זיך גלייכען צו זייא וואס דיין טאטע איז געוועזען א בעל מלאכה א רובילירער!

משהלע: א רחמנות אויף גאלדעלען זיא איז געביך אומגליקליך איבער איהרע נארישע עלטערין.

אברהמיל: וואס זיא איז אומגליקליך איז קיינער ניט שולדיג נאר איהרע נארישע עלטערין, און דו מאכסט זיך אליין אומגליקליך און קיינער געמה דיך גאר ניט דער צו.

משהלע: (מיט א קרעכץ) מיך נעמה מיין הארץ, מיך נעמה מיין קאראקטער, איך קען דאס רחמנות ניט צו זעהען גיב ברודער איין עצה וויא אזוי שלאגט מען דורך דעם אייזערנעם מויער וואס זייא האבין מיט זייער נארישען יחוס ארום זיך געמאכט. אברהמיל: אפשר מיט גאלדענע קארטאטשין אז גאט וועט העלפן, אז דער רוח וועט ניט אק טראגין נאך אזא שלאק א דל גאה וויא זייא זענען. משהלע: גלויב מיר ליבער אברהמיל, אז גאלדעלע וועט קיינעם ניט נעמען גאר מיך. איך וועל איהרע עלטערין צו דיא פוס פאלין און וועל זיא פשוט אויס וויינען בייא זייא. איך וועל זייא מיין גאנץ פארמעגען אוועק שענקען זייער גלאנץ זאל ווידער שיינען וויא פריהער און טו בייא זייא גאלדעלין אפ קויפן. וועט מיר דאס ניט העלפין וועל איך מוזען אן קומען צו חוטראסט וועט מיר דאס אויך ניט העלפין וועל איך זיא מיט געוואלד ארויס נעמען, זיא מוז זיין מיינע (ער נעמט אברהמלין ביי דער האנד) אברהמיל דיא ביזט מיין טאטע, מיין מאמע, מיין פריינד און אלס איך דארף דיין געטריישאפט דיין הילף! אברהמיל: איך האב רחמנות אויף דיר משהלע לעבין האמש לויט איך האב דיך ליעב וואלט איך דיך געדארפט אפרייסין דער פון מיטין גאנצין כות, וואריין דער סוף פון דיא פערליבטע לאזט זיך דאס רוב אויס זייער שלעכט, נאר איך זעה דאך אבער אז דוא ביזט שוין ווייט פער-

קראכין און טריינקסט זיך שוין, זאג איך דיר צו אז איך בין גרייט דיר מיט צו העלפין מיט אלע כוחות, מיט מיין פערשטאנד און מיטין גאנצען הארצען. שא! אט עפינט זיך דארטין דיא טיר, בענדעט געהט ארויס, געה דיר אוועק און איך וועל מיך דא שטעלין אין א ווינקעלע, ער האט א טבע צו זיך אליין צו רעדען לאם איך הערין. אפשר וועט ער עפים באלאקען וואס עס וועט אונז צו נוטץ קומין. (משהלע געהט אריין צו זיך און אברהמיל שטעלט זיך אין ווינקעל ביי דעם פארקין).

צווייטע סצענע.

בענדעט (געהט ארויס פון דער טיר, ער ציהט מיט דיא אקסלין און רעדט און שפייט אלע מאהל אויס) א שיינע מעשה וויא איך בין א יוד, א בעקען זאל איך איר געהן לייהען (ער שפייט אויס) טאמער ווייסט איר וויהין מעגעהט לייהען? וועט ווער מיר לייהען אפילו וואס עס איז ווערט א שפילקע און צו וואס טויג איהר גאר א בעקען? וואס וועט זיא אין איהם באקין דיא צרות מיינע? זיא מעג חלעבין אריין לייגין איהר גאנצין יחוס מיטין פעטערס אין איינעם און פרעגלין פון היינט ביז מארגין וועט זיא מחילה ארויס נעמען דאס וואס זיא האט מחילה אריין געלייגט (ער געהט לאנגזאם הין און צוריק) גיט, אזוי וויא איך בין א יוד, פאר הינגער זאל מען שטארבין זאגט דיא מומע (ער קרומט זיך איהר נאך) אבי אויף אונזער יחוס זאל חלילה קיין פלעק ניט קומען און בענדעט נארר מוז נאכטאנצען און קאהן און מוז זאגין טויזענט ליגען אויף דער מינוט אז דער פעטער איז איין אדיר על הכל און האט אפילע מילטער קארבוטצען . . . (ער טראכט אזוי וויא איך בין ניט קיין מלומדת פערשטעה איך א זאך חלעבין בעסער פון זיי: איידער צו ליידען הינגער וואלט איך פערקויפט דעם גאנצען יחוס פון מיין טאטין און נאך א שטיק פון מיין אייגענעם אויך (ער זיפצט) איך וועל נאך אויס האלטין א פאר טעג, לעת עתה חאפ איך אמאהל א אנבייסין! א וועטשערע ביי א בעקאנטין, דאס הארץ שטענסגעזאגט לאזט מיך ניט אוועק געהן עס איז פארט וויא זאגט מען דם צפרדע, דיין אייגין בלוט און פלייש, איך האב זייא נאך געקענט אז זייא זענען נאך געוועזען במעלה יונה (עליונה) אבער וויפעל קען א מענטש טערפען? דיא קישקעס ווערין מיר פשוט אנגעטריקענט פאר הינגער, איך וועל זאט זיין פון דיא מעשות וואס דער פעטער מיט דער מומע דערצעהלין זיך פון דיא זיידעס און באבעס! וואס זיטצען אין גן עדן און עסין לויתן?. (ער קוקט זיך ארום) שא, עמיצער שטעהט דאכט זיך דארט אין ווינקעל.

דריטטע סצענע.

אברהמיל (קומט צו איהם א קעגען) גוט מארגען בענדעט, וואס מאכט עפעס דער

פעטער מיט דער מומען? זענען זייא געזונד? בענדעט: געזונד ב"ה זיי ריכטען זיך היינט אויף געסט צום טיש דארבער געה איך אין מארק אריין אנקויפען ווין און עפעל אויף צימעס. אברהמיל: ווער זענען, איך בעט דיך, דיא געסט?

בענדעט: עפעס איינער א גרויסער אדיר פון יענער זייט ער הייסט, דאכט זיך, ר' איצילע פיטילס מיטין ווייב, און עפעס איינער א גרויסער מוחס א פעטער פון ארץ ישראל ערשט נעכטין געקומען.

אברהמיל: וועל איך מיך א פנים היינט גאר ניט קענען זעהן מיטין פעטער? בענדעט: אוודאי ניט, עס פארשטעהט זיך אז היינט פאסט ניט אבי ווער זאל קומען אז אזוינע גרויסע לייט וועלין זיין ביים טיש.

אברהמיל: וואס איז עפעס היינט אויף אייך אזא שמחה? מיר דאכט אז פון א קליינער צייט האט דער פעטער גאר ניט ליב געסט אויפצונעהמען! בענדעט: עפעס איז היינט א יאהרצייט פון אונזערען א זיידען ר' פלטיאל זאל זיך מיהען וואס האט זיך אמאל איינגעשפארט נאר אראפ צו ברענגין משוח'ן פאר דער צייט אזוינע יאהר־צייטין עטליכע מאהל און יאהר קענען א שעהן ביסעל געלד צו נעמין מיין אייגענס זאל איך עס נאר האבין (אין דער זייט) וואלט איך דערמעלט געהאט אזוי פיל וויפיל איך האב איצט.

אברהמיל? ווי זשע קומט עס עפים בענדעט, וואס אין אזא יום טוב געהסטו געביך אין אזוינע אפגעטראגענע מלבושים און מיט רויטע אויסגעקרימטע שטיפעל הא? בענדעט: עט איך דארף דאך אלסדינג צו גרייטען, איך לויף אהער און לויף אהין, איך בין דאך כל ולך איז חלעבין איין עבירה א רעכט מלבוש אנצוטהין זעהט איהר צום טיש וועל איך מיך מסתמא אן טהון טאקע יום טובדיק. אברהמיל: דאכט זיך בענדעט אז דיינע יום טובדיקע מלבושים האסטו שוין לאנג א פיר גענומען אויף אין דער וואכען צו געהן! בענדעט: אי האט מיר ניט פאראיבעל ר' אברהמיל סערדצע דער פעטער זאל מאריך ימים זיין האט מיר ערשט ניט לאנג גיגעבין שבירות פאר דריי יאהר פריהער האב איך מיר גאר שפאגעל נייע מלבושים געמאכט.

אברהמיל: דיא וועלט מיטעלט אז דעם פעטער דיינעם איז גאר ניט אזוי גיט ער זאל דיר קענען אוים צעהלין געלד פאר דרייא יאהר פרוהער, מען זאגט יאק בי אז ער האט דיר ניט צו בעצאהלין דיא עטליכע קערבליך וואס עס קומט דיר פון דרייא יאהר צוריק. בענדעט: (צו לאכט זיך) הא הא הא! א שיינע מעשה וויא איך בין א יוד, וואס לייט קענען זאגען. מיטין העמד זאלין זייא נאר האבין צו טהון, רבש"ע מיין אייגענס זאל איך עס האבין וואס בייא זייא געהט נאר אוועק אויף קארטאפלים א יאהר (אין דער זייט) וואלט איך חלעבען געהאט י' זהובים.

אברהמיל: (מיט א שמעביל) זענען זייא א פנים טאקע פארט רייכע לייט, וואס

זשע קלאגט זיך עפעס דיא שטארט אז וויא דער פעטער מיט דער מומע נעמען און ווילען זייא מחילה ניט בעצאהלין? בענדעט (הענוודיג) עט איהר מיימט גיט דיא מארע אין אזוינע גרויסע הייזער, מע לאזט יענעם אביסיל נאכלויפין נאך געלד און דער זייט דער שוויים האט מיך אזש בענאסען פון דיינע שאלות. אברהמיל: בייא אונז געהט דיא מארע נישט אן.

בענדעט (ווארעם) אי האט מיר ניט פאראיבעל, א שיינער גראם וויא איך בין א יוד: עס איז יא וויא מעזאגט: גראם שטראם מאך מיר א לעטניק. איהר גלייבט זיך צום פעטער ר' יאחצע זאל לעבין וואס האט א שם אויף דער גאנצער וועלט (אין דער זייט) עס גיסט פון מיר דער שוויים וויא איך בין א יוד! נא נא שטעהט ער מיר אין נארגעל. (ער שלעפט ארוים פון דער קעשענע איין אלט צוריסין זיידען טיכיל אפ צו ווישין דעם שוויים דער וויל פאלט אים ארוים א דארר שטוק ברויט פון דער קעשענע) אברהמיל: (מיט א שמייכעל) דיין פעטערס פארמעגען איז בייא דיר א פנים הפקר אז דוא ווארפסט עס אזוי אין דיא גאסען.

בענדעט: (הייבט עס אויף געשווינד) מען איז שטיינסגעזאגט אחן עין הרע אזו פערטראגען טאג און נאכט אז פאר גרויס איילענעש האב איך דיא טשיקלאדע אריין געלייגט אין קעשענע אריין. אברהמיל: עס איז דוכט זיך א שטיק ברויט. בענדעט: (ווארטשיט שטילער הייט) ער קריכט מיר אין דיא גרגרת אריין וויא איך בין א יוד. (הויך) פארשטעהט איהר ר' אברהמיל סערדצע איך דארף דא אפ טרעטין ביים גראף אפ נעמען א פאר טויזענד קערבליך מוז איך מיט נעמען א שטיקעל ברויט פון דיא הינדם וועגען אזוינע בייזע הינד זאל גאט ב"ה שומר ומציל זיין!

אברהמיל: בענדעט, איך האב פון דיינעט וועגען א בעסערע שטעלע איידער זאלסט דינען ביים פעטער אומזיסט.

בענדעט: אשטייגער וואס? אברהמיל: זאלסט בעסער ווערין א שאדכן וואלסטו אין גאלד געגאנגען וויא איך בין א יוד.

בענדעט: א שיינע פרנסה, חלעבין, א שדכן דארף מחילה זיין א ליגנער אברהמיל: אדרבה דיא וואלסט דער צו געווען א פויגעל . . . בענדעט: (ברוגז) איך פארשטעה, איך פארשטעה איהר האט אויך ניט פון קיינעם חוזק צו מאכען נאר פון מיר בעסער אמאהל א לוגען צו זאגען איידער חוזק צו מאכען פון געמיינע לייט, טפו. איך מיין פון ערליכע לייט

אברהמיל: (נעמט אים אן בייא דער האנד) איך בעט דיך איבער בענדעט איך האב חלילה ניט געמיינט פון דיר חוזק צו מאכען, איך האב אויף אייער הויז גרויס רחמנות, נאר צו וואס טויג באלאקען מיט דער צונג און זאגין טויזענד ליגען אז דיא גאנצע וועלט ווייסט אז דיא פאמיליע דל גאה איז נעביך זייער ארעם! וואס האט

מען זיך דא צו שעמען? ארים איז קיין שאנד, דוא געפעלסט מיר חלעבין! ביזט א געטרייער פלימעניק און א אמת'ר דינער, איך וויל דיר ארויס העלפין פון דער נויט.
בענדעט: (לאכט) איך וועל פונים פעטער ניט אוועק געהן.

אברהמיל: דוא וועסט גאר ניט דארפין אוועג געהן. בענדעט: וואס הייסט? וויא אזוי זשע? אברהמיל: הער אויס בענדעט, איך פערלאנג פון דיר מער ניט נאר דעם אמת, איך ווייס אז דוא ליידסט הינגער.

בענדעט: בע. אברהמיל: דאס איז ניט בע, אמענטש קען הינגערן איינמאהל אין א חודש, איינמאהל אין דער וואך, עטליכע שעה אין טאג אבער ניט אלע טאג דעם גאנצען טאג, אלע וואך דיא גאנצע וואך און אלע חודש דעם גאנצען חודש. איך האב גיט געהערט וואס דיא האסט פריהער צו זיך אליין גערעדט: דוא חאפסט אמאהל א אנבייסן, א וועטשערע בייא א בעקאנטין און דיא קישקעס זענען דיר שוין איינגעטריקענט פאר הינגער דאריבער וויל איך פון דיר נאר דעם אמת כדי איך זאל וויסען וויא אזוי אייך צו ראטעווען. בענדעט: (וויינענדיג) וואס זשע זאלין מיר טהון ר' אברהמיל סערדצע? אוועק געהן פאסט זעהר ניט, עס איז פארט א מומע, עס איז פארט א פעטער וויא זאגט מען עפעס מום שבך דיין אייגין בלוט און פלייש, אין ווידער קומט אונז מאקע שכירות פאר עטליכע יאהר, אט געהט יענטיל פרעגט זיא וועט איהר הערין וויא אזוי מיר ליידען נעביך (ער ווישט זיך דיא אויגען).

פערטע סצענע.

יענטיל: בענדיט, בענדיט, דוא שטעהסט און בארעדסט אודאי דעם פעטער מיט דער מומען אצרה דיר אין פנים! בענדעט: ניט איך יענטיל לעבין, מיין ליידיגער מאגין האט א אפען מויל וויא איך בין א יוד! יענטיל: וואס עס האט זיך מיר גע־חלומט יענע נאכט, אדער דיא נאכט אדער א גאנץ גייהענדיג יאהר זאל מיר צו דיין קאפ אויסגעהן! מיר האבין זיך אפשר ווען געלעגט שלאפין אהן וועטשערע! בענדעט: וויא אזוי דיא האסט זיך ביז איצט געלייגט שלאפין ווייס איך ניט נאר מיר חלומט זיך אללע נאכט בעטלערס. אברהמיל: (צו יענטלין) וואס טויג אייך דיא נארישקייט? וואס טויג זיך פארשטעלין? איך ווייס וויא בייא אייך אין הויז געהט צו, איך בין ניט גע־קומען חלילה פון אייך חוזק צו מאכען, איך וויל אייך ארויס העלפין פון דער נויט איהר זאלט אויפהערין הונגער צו ליידען.

יענטיל: (ווישט זיך דיא אויגען) פון אייער מויל אין גאטס אויערען אריין. בענדעט (ווישט זיך דיא אויגען): גאטט זאלל אייך אזוי מחיה זיין וויא איהר האט אונז מחיה געוועזען. אברהמיל: עס איז נאר געווענט אין א קלייניקייט, מיין משהלע האט ליעב

אייער גאלדעלען. האט זיא פאר איהם חתונה זענט איהר אללע גליקליך. יענטיל מיט בענדעטען: טע טע טע! אויב אזוי אגוטען טאג. אברהמיל: פאר וואס אזוי? יענטיל: וואס פאלט אייך איין ר' אברהמיל? אונזער גאלדעלע ר' יאחצעס א טאכטער ר' דין בן שטעמפעלס איין איינקעל מיט אייער משהלין? חא חא חא! עס האט אויך ניט ווער צולאכען. בענדעט: א קלייניקייט וואס א מענטשין קען זיך חלומין! יענטיל: נאך גימער ערגער וואס מענטשין קענען זיך אונמעסטין. בענדעט: זייא זאלין עס חלילה וויסען וואלטין זייא עס גאר ניט אויסגעהאלטין, וויא איך בין א יוד! יענטיל: גאלדעלע האט אפילו משהלין ניט פיינד.

בענדעט: מען מעג זאגן אז זיא איז גאר פערליבט אין איהם. יענטיל: זיא טוהר אבער קיין מאל ניט עפינען.

בענדעט: זאל גאט שומר ומציל זיין, וויא טוהר זיא זאגען א דעה. אברהמיל: מיר קענען גאר ניט וויסען, אפשר וועט זיא יא זאגען א דעה, איך פערלאנג מעהר ניט פון אייך נאר איהר זאלט מיר דא בייזשטעהן, איהר דארפט רעכענען אז איך וועל אייך גליקליך מאכען. יענטיל: (וויינט) מיר זאלין קענען וואלטין מיר עס חלעבין געטוהן מיט אלע מעגליכקייטין אפילו אהן א שום פרוטה. בענדעט: (אין כעס) וואס הייסט אהן א שום פרוטה? דאס איז גיט צו זאגען ווען אין מאגין איז שטיל און אין בייטיל פיל. יענטיל: פון גאלדעלעס וועגען וועל איך אפילו אין פייער אריין שפרינגען. בענדעט: עס זאל זיך נאר דארטין בראטין עפיס א גוטע גאנז אדער א פאר גוטע לעקערס. אברהמיל: איך בייט אייך לאמיר צו זאמין טוהן אין דעם און גאט ב"ה וועט העלפין, זעהט אט געהט משהלע קוקט איהם אן עס איז איהם נעביך גאר ניט צו דערקענין.

בענדעט (ווישט זיך דיא אויגען) מיך דערקענט מען אויך ניט פאר צרות.

פינפטע סצענע.

אברהמיל: משהלע, בענדעט מיט יענטלין זאגין אונז צו אז זייא וועלין אונז פאר־בייזשטעהן. יענטיל: מיט אלע מעגליכקייטין. בענדעט: איהר מעגט זיך אויף אונז פאר־לאזין אז מיר זאגין א ווארט איז כולה מוקשה. משהלע: איך דאנק אייך טויזענד ס..הל איך וועל אייך ערשט אפ דאנקין נאך אייער פערדינסט אז גאט וועט העלפין, לעת עתה נאט אייך אדרויף (ער גיט יענטלין א דימענטין פינגעריל און בענדיטין א בייטיל געלד). יענטיל: א דאנק, גאט זאל אייך העלפין נאך אייער וואונש נאך. בענדעט: דיא כפרה זאלין מיר ווערין פאר אייער קאפ. אברהמיל: זאגט זשע קינד וואס הייבט מען אן דער וויל צו טוהן? יענטיל: איך מיין אז עס וואלט ניט געשאדט אז איהר

אלט זיך דערהייל פריווען זיין א שרכה. משהלע: קען מען האפען אז עס וועט עפיס ווערין דער פון? בענדעט: (בעהאלט דאס געלד) אוודאי געכמין איז גאר ניט געוועזען וואס צו האפען אבער היינט מער קלינגט מיט געלד). משהלע פאר וואס געכטין ניט און היינט יאו? יענטיל: וויל געכטען איז נאך עפעס געוועזען אויף א ווארעמעס, היינט איז שוין ב"ה ניט געבליבען א טרוקן פרוסט אין שטוב. אברהמיל: הערט זשע אויס קינדער איהר באקלערט זיך ביידע וואס איהר האט צו טהון און מיר וועלין דער ווייל גיין אנ־בייסן עסין, אין א שעה ארום בין איך בייא אייך אין שטוב, א גוטען טאג. בענדעט: א גוט יאהר, גייט געזונד. אין א האלבער שעה ארום בין איך בייא אייך אין קעך (משהלע מיט אברהמלין געהן אוועק).

זעקסטע סצענע.

(יענטיל מיט בענדעטין קוקען זיך אהן גאנץ פריילך.)

בענדעט: וואס מיינסטו דערצו יענטיל לעבין? יענטיל: וואס מיינסטו דער צו בענדעטיל? בענדעט: מיר באמבילט זיך עפעס אין קאפ. יענטיל: לאס איך אויך הערין וואס. בענדעט: משהלע איז א גרויסער אדיר. יענטיל: און ער איז ניט קארג. בענדעט: ווען ער האט חתונה מיט גאלדעלין? יענטיל: נא וועט ער זיין גאלדעלעס מאן. בענדעט: און אז מיר זאלין אשטייגער דער צו מיטהעלפין? יענטיל: וואלט ער אונז אוודאי אפגעשים מיט געלד. בענדעט: ווייסטו וואס איך וואלט געטוהן, יענטיל סערדצע, איך וואלט מיר צו נויף געשלאגען עטליכע קערבליך. יענטיל: און איך וואלט מיר אויפגעשלאגען א קרעמיל. בענדיט: און איך וואלט מיר אויפגעשלאגען א ויינשיינק. יענטיל: פון מיין קריימיל וואלט מיט דער צייט געווארין א גרויסע קראם. בענדעט: און פון מיין ווייגשיינק וואלט מיט דער צייט געווארין א גרויסער ווייגשיינק. יענטיל: הכלל מיר וואלטין מיט דער צייט געווארין רייך. בענדעט: אז דעמעלט וואלט עמיצער אשטייגער גיקלאפט בייא דיר גאנץ פריה אין טיר. יענטיל: (מיט גאוה) וואלט איך געשיקט מיין דינסט זעהן ווער עס קלאפט. בענדעט: דיא דינסט וואלט אשטייגער גיקומען צו דיר און וואלט געזאגט אז עס וויל זיך מיט דיר זעהן דער רייכער סוחר פון טיפישיווקע. יענטיל: (מיט גאוה) און איך וואלט געזאגט ווער קען דאס זיין פאר א שלאק? איך געדיינק איהם עפעס גאר ניט. בענדעט: און איך וואלט מיר ארויין געקומין וויא א פירשט מיט א גיטין בויך, מיט א שטעקען, מיט א גאלדענעם זייגער מיט ברילען, מיט א ציגארע. מיט הענטשיקים, מיט גילאקירטע שטיפיל, מיט א זיידענעם פערעסאל, מיט א סאמעטענעם קאשקעט, מיט א שאפענים טליפ און מיט ווייסע ענ־טשקיליך און וואלט אן געהויבען שרייען גאר ניט מיט מיין קול: מיין זים גישוועסטיר

קינד! גידיינקסט? דיא גאלדינע יאהרען אז מיר האבען ביידע ביים פעטער גידיענט אז מיר האבען זיך גיטהיילט מיט דארע שטיקליך ברויט, יעצט בין איך גיקומען מיר זאלין זיך טהיילין מיט געשלאפינים לעקיך, מיט איינגעמאכץ מיט גיבראטענע גענז און מיט אלדינג. וואס מיר האבין, און לאמיר לעבין וויא גאט האט געבאטען. (ער וויל זיא ארום האפין, זיא רייסט זיך אויס, אנטלויפט און זאגט: גייא צו אלדע שווארצע יאהר.) בענדעט (ציהט מיט דיא אקסעל): געפעלט דיר אביסעל וויא זיא מאכט חן, איך טרייב קאטאוועס און זיא מיינט דיא הינד טארען זיא! עס ווייזט זיך איהר אויס אז זיא איז שוין מיט מיר פארטיג, עס וועט איהר נאך גענוג דיא אויגין ארויס קריכען זיא פארגעסט אז דיא מומע זאל לעבין איז א גרעסערע מיוחסת פונים פעטער און איך בין פון דער מומעס צד (ער געהט אוועק).

(דער פארהאנג פאלט אראפ.)

צווייטער אקט.

(אין אלט פאטרישער זאל, ווידענס נאר צוריסין צופליקט, אלטמאדיש מעביל א גרויסער קריסטאלינער הייגלאכטער הייגט אין מיטין שטוב נאר פיל גלעזליך זענען צו בראכען און פיל געהען גאר אפ. עס שטעהן א פאר אלטע ווייגערס נאר וויא גייהען ניט, עס הייגין גרויסע שפיגלין נאר צוקראצטע, פארפלעקטע און אסך שמירות אויף דיא ווענד. ר' יאכצע דל גאה און שרהלע זיצען איינס א געגען אנ־דערין. ער איז א בעיאהרטער מאן און זיצט אונגעטאהן אין איין אלטען זיידענעם האלאט און זיא אין א איבערגעניצעוועטין מישלינען קלייד. בענדיט שטייט ניט ווייט פון דער טיר.)

ערשטע סצענע.

ר' יאחצע: ניין שרהלע ער איז ניט גיוועזען דער פאדליוויצער מגיד, ער איז גיוועזען מגיד אין האצאדריליווקע. שרהלע: איך ווייס, דיא שוויגער, איך האב ניט גיוואר־שען דיא הענד (זיא רייבט דיא הענד אין פאל) דיא שוויגער זאל אגוטע מליצה זיין האט מיר פאר דער פטירה דערצעהלט אז ער עליו השלום, איז א צייט מיט יאהרען געוועהן מגיד אין פאדלאוויץ. ר' יאחצע: דיא מאמע עליה השלום האט־זאל מיר מוחל זיין ניט זיא מיין איך דיא וואנד מיין איך, האט א גראבין טעות געהאט איך קען דיר עס אויפווייזען תיכף; אין מיין קאנטאריל ליגט א בריוועל וואס דער זיידע ר' גרונם

זכותו יגן עלינו האט געשריבען צום אלמין זכרונו לברכה פון האצא-ווילוווקע אז מען בייט אידם יאקבי קיין פארלאזיץ נאר האצאדרילוווקע לאזט אידם ניט אוועק. דאס ברוויל איז בייא מיר טייערער פון מיליאנען.—בענדעט: איך בייט אייך מחילה פעטער לעבין, אויף דעם ברוועל וועט קיינער מחילה ניט וועלין לאיהען א דרייער, וויא איך בין א יוד! ר' יאחצע: ביזט מחילה א טפש וויא האסטו רעדן-איינעם אין דער גאנצער שטאדט ער זאל פארשטעהן דיא ווערטה דער פון? בייא מיר איז עס א פארמעגען איך זאג דיר בנאמנות שרהלע סערדצע אז איך עפען מיין קאנטאריל-און לייען איבער מיין יחוס בריעף ווער איך זאט גלייך איך וואלט קאריפאטוועס גיגעסין. בענדעט: אוודאי אז מען פילט אין דעם מאגין מיט יחוס בריעף קען מען מאקע לייכטען! איך וויים מיין מאגין זאגט אז א שטיקעל ברויט איז בעסער פון א גאנצין זאק מיט יחוס בריעף. שרהלע: הער נאר דוא, דוא עפינסט-שוין ווידער דיין-פיסקעלע? איך זאג דיר דעם אמת יאחצע לעב איך וויים גאר ניט אין וועהמין ער איז געראטין, טאג און נאכט זאל א מענטש אין זינען האבין נאר עסין און עסין, פשוט וויא א בהמה, גאט זאל מיך ניט שטראפין פאר דיא רייד, עס איז פשוט א חרפה פאר זיך אליין. ר' יאחצע: זייא ניט אין כעס שרהלע סערדצע, וואס ארט דיך? לאז ער רעדין, ער וועט חלעבין עלטער ווערין וועט ער קליגער ווערין, ער וועט שפעטער אליין פארשטיין אז יחוס וואלגערט זיך ניט אין דיא גאסען שא לאז זיין שטיל, עס געהט דאכט זיך עמיצער.

צווייטע סצענע.

בענדעט: (זאגט געשווינד קוקענדיג אין דער שפארינע פון דער טיר) אברהמיל משה'לים שרייבער געהט אהער וויא-איך בין א יוד!-שרהלע: בענדעט פיהר איהם אריין אין דער אנדערער שטוב און מיר וועלין תיכף-אויך אריינקומען נאר קום תיכף צוריק. (בענדעט געהט אוועק און קומט צוריק) ר' יאחצע: געב מיר נאר בענדעט דיא קאפאטע. בענדעט: עס איז אפשר גלייכער איהר זאלט געהן אין חאלאט ווייל דיא קאפאטע איז מחילה זייער פאר שמאלצעוועט. ר' יאחצע: נישט קשה, עס איז בלויז טינ-קעל וועט מען ניט אן זעהן אזוי שטארק. בענדעט: נא וויא אזוי וועט איהר געהן אין דיא פאנטאפעל? דיא שטיפעל וויל דער שייגץ ניט אפ ברייגגען ביז מוועט-איהם אפ-צאהלין אהיים דיא מטבע. ר' יאחצע איך וועל געפינען א תירוץ אז איך האב אלץ צו טוהן מיט דיא אגניאטקעס.

(שרהלע קומט אריין אין פעלענע מושקעס אונגעטוהן און אלט זיידען קלייד-און זאגט.) נא יאחצע לעב איך בין שוין פארטיג. ר' יאחצע: איך אויך,-קום וואס קען ער צו זהנז באדארפין? (ר' יאחצע און שרהלע גייהען פריהער אונ שטעבען זיך אוים דיא

ציין מען זאל מיינען אז זייא גייהען ערשט פונים טיש בענדעט געהט נאך און קייעט גלאט וויא איינער עסט עפים.)

דריטע סצענע.

אברהמיל: (שטעלט זיך אויף) אגוטען אווענד אייך ר' יאחצע, אגוטין אווענד שרהלע, איך בייט אייך איבער אפשר האב איך אייך עפים גישטערט. שרהלע: עס מיר ווענען ב"ה געוואונט מיט אזויטע זאכען, זיצט. פאר וואס זיצט איהר ניט? זיצט איך בייט אייך, אט האבין מיר ערשט גיהאט געסט. ר' ר' ר'.

בענדעט: (חאפט אוים) ר' איצילע פייטילס מיטין ווייב, מחילה ר' גרונם קלעמ-האלץ מיטין זוהן און א פעטער פון ארץ ישראל. (ער שמייכילט צו אברהמלין און מאכט צו איהם מיט דיא אויגין) שרהלע: וואס וועט אונז עפים זאגין נייעס ר' אברהמיל? אברהמיל: עט, אלס שכן בין איך אריין געקומען זעהן וואס איהר מאכט. שרהלע: מיר דאנקין אייך זייער שיין. ר' יאחצע: וויא שטעהט היינט דער קורס פון האלבע אימפע-ריאלין? אברהמיל: קרוב 60, 6.

שרהלע (צום מאן) נא נא לאז דיך גאר ניט אארען איך וועל דיך בשום אופן ניט לאזין פארקויפין.

אברהמיל: אפשר וועט איהר קויפין איך קען בייא אייך לעזין לויט קורס שרהלע: מיר האבין ב"ה גינוג עס זאל ניט פארשטערט ווערין. בענדעט: אמן רבש"ע! (לאכט אין דער שטיל.) שרהלע: יא עיקר שכחתי וואס מאכט עפים אייער משהלע? גיזונד ב"ה? מען זאגט אז ער האט ערשט ניט לאנג אויסגעלארין שיינע עטליכע קעדבליך.

אברהמיל: גילויבט איז גאטט, ער איז אהן עין הרע זייער רייך, דיא גישעפ-טין געהען ב"ה גוט, גאטט זאל איהם נאר באשערין עפים א רעכטע כלה וואלט ווא בייא איהם אוודאי גליקליך גענוען. שרהלע: מען טוה איהם אוודאי רעדין שדוכים מיט א סך טוידנמעד? אברהמיל: רעדין רעדט מען איהם אוודאי, נאר ער וויל גאר ניט הערין ער וויל בעסער א מיידעל וואס זאל נאר קיין געלד ניט האבין נאר אבי פון א שיינער פאמיליע, וואס זאל איהם זיין צום הארצין, ער האט מיך אפילו געמאכט פאר א שדכן איך זאל געהן אין דעם שידוך, איך זאג אייך עס איז א גליק פארן מיידיל און פאר דיא עלטערין אויך, גאטט זאל נאר העלפין עס זאל אויסגעפירדט ווערין.

שרהלע: נא וואס זשע הייבט איהר עפים ניט אהן טהון אין דעם? אברהמיל: אט דאס פארשטעהט איהר שרהלע לעבין בין איך מאקע געקומען צו אייך. שרהלע: (מיט א שמייכעל) איהר מאכט זיך נאריש ר' אברהמיל, מיר האלטין ניט אייער משהלין פאר אזא נארד עס זאל איהם גאר אויננם אויפקומען אויף דער מחשבה.

אַבְרָהַמִיל: איך קען פּנים אמת ניט אוועק געהן איהר זענט טאקע זייער גרויסע מיוחסים ווי קומט צו אייך משהלע לאמיר זיך ניט נארין זיין פאטער איז פּארט גע-וועזין א רובלירער, ער הייסט אויף פּראסט יודיש: א בעל מלאכה נאר בארעכינט אבער וויפיל געלד ער קען אייך א קעגין לייגין וואס וועט בלי ספק אייער יחוס איבער וועגין.

שׂרהלע: (פאר ביסין) עס בייא אונז שפּילט געלד גאר ניט אזא גרויסע ראלע, געלד שמעלט אויך א וועלט, געלד איז קיילכדיג. מיר האבין אויך אמאהל א סך מעהר געלט געהאט, מיר זענען געוואוינט איבער צו טראגין א מאהל יסורים פון געלד אבי אונזער שטיקעלע יחוס ניט צו פערשמידען, איך בייט אייך איבער, איך מיין אבי ניט אנצורירען אונזער יחוס חלילה. אברהמיל: אבער דאס וועט איהר דאך מיר מודה זיין אז משהלים פאטער קומט אויך ניט ארוים פון נחוס דרגא'ם, אמת ער איז גוועזין א בעל מלאכה נאר איז דען א בעל מלאכה קיין מענטש ניט, ווייל ער פאר דינט זיין שטיקיל ברויט ביגיע כפּו? שׂרהלע: איהר זענט זייער גערעכט, עס איז טאקע אמת מען קען אנדערש ניט זאגין אוודאי איז אזוי, נאר וויים איך? אין אונזער משפּחה איז חלילה קיין בעל מלאכה נישטא, עס קען זייער מעגליך זיין אז מיינע קינדרס קינדער וועלין זיך יא משדך זיין מיט בעלי מלאכות, נאר כל זמן איך לעב וועל איך אהן זאגין מיינע קינ-דער ווי מעהאט מיר אהן געזאגט: אז איהר ווילט קיין קלענערע זאלין צו אייך ניט צוטרעטין זאל אייער יחוס בייא אייך זיין א אייזערנער מויער. אברהמיל: גוט ברעכט אייזן זאגט דיא וועלט. שׂרהלע: גאט איז מיט אייך ר' אברהמיל, ווער האט אייך דען געזאגט אז אויף אונז איז חלילה אנויט? אברהמיל: איך וויים? ווענט האבין אויהערין און גאסן האבין אויגין דיא וועלט קען מען ניט נארין.

ר' יאָחצע (וואַרעם): שפּייט זייא אהן אין פּנים, עס מאכט זיך אמאהל אז אונזערע בעלי חובות ברייננגען ניט אפּ צו דער צייט דאס פּראצענט ווערט אונז א קליינער באנגעל אויף א שטיקעלע צייט, וואס ושע איז דא פאר איין אומגליק, אזוינס קען זיך אומעטום טרעפין. שׂרהלע: מיטין חעמד זאלין זייא נאר האבין צו טאהן רבש"ע אזוי פיל אלפים זאל איך נאך געבין מיין טאכטער נדן, רבש"ע! וויפיל טויזענטער איך האב ב"ה צווישן לייט. (בענדעט ניסט שטארק און זאגט:) מחילה, א קאטער אויף אלע פיסטע וועלדער! אברהמיל: איך וויים? דיא וועלט טומעלט עפּים אז דיא בעלי הלוואות ווילען אייך איינגעבין דיא וועקסלין. שׂרהלע: זאל מען זיך א מעשׂה אנטהון? מען קען עפּים יענים דאס מויל פארשטאפּין? זאלין זיי רעדין צוזעצטערהייט. אברהמיל: יא איהר קענט זיך אבער אהן דעם באגעהן, משהלע קען פארשטאפּין אלע ביידע מיילער ר' יאָחצע: עס איז ניט אזוי נעטהיג, לאז קיינעם דער קאפּ ניט דארין איבער אונז. אברהמיל. איך בייט אייך איבער, זייט ניט ברוגז, וואס איך האב אויפגעמישט אזא שמועס, האט זשע אגוטע נאכט. (ער פארבייגט זיך און געהט אוועק.)

פערטע סצענע.

ר' יאָחצע: וואס זאגסטו דער צו שׂרהלע סערדצע? עס וואלט א שיינע מעשׂה געוועזען חלעבין. שׂרהלע: מאלע וואס נידעריגע מענטשן קענען זיך אָנמעסטן. ר' יאָחצע: עס זאל נאר זיין א כפּרה אויף אונזערע זינד רבש"ע! שׂרהלע: גלייב מיר יאָחצע לעב אז דער מאמים דבורים דעם לעכטיגן גן עדן זאל זיא האבן זענען בייא מיר אזוי זיכער ווי אויף דער דאלאניע. אז זיא פלעגט נאלדעלען נעסין אויף דיא הענד און פלעגט מיט אידר טאנצין פלעג זיא אלץ זאגין: נאר א גוטין יודען וועט דאס קינד נעמין, נאר א גוטין יודען וואס דיא גאנצע וועלט וועט איהם נאך לויפין. ר' יאָחצע (טהוט זיך א חפּ) יא עיקר שכחתי איך האב דיר גאר פארגעסין צו דערציילין, שׂרהלע סערדצע, היינטיגע נאכט האב איך געהאט אזא חלום: אז עס האט זיך פּלוצים געעפנט דער הימעל און דיא מאמע זכותה יגן עלינו איז צו מיר אראפ געפלויגען און האט געפירט א יונגענמאן בייא דער האנד, איך זאג דיר א יונגערמאן דיא שכינה האט פשוט אויף איהם גירועט דיא מאמע עליה השלום האט איהם צו געפירט צו מיר און זאגט כהאי לישנא: האט דער יונגערמאן איז דער רבי ר' געצעלע דער מגין הדור, איין איניקיל פון דעם גרויסן ר' געצעלים פון שטיקליווקע, און זיין זכות שטעהט דיא וועלט, ער איז גאר פון נאלדעלעס וועגין אויף דער וועלט. איך האב נאר וואס איהם גיוואלט געבין שלום און ריידין מיט איהם אפּאר ווערטער האב איך מיך פלוצים אויף געהאפּט. אייביג וועל איך דעם יונגערמאן געדיינקען גלייך ווי ער שטעהט מיר פאר דיא אויגען מיט דיא לאנגע פּאה'ליך מיט דעם שיינעם בערדילע. הערסטו שׂרהלע דאס הארץ זאגט מיר אז אין גיכע צייטען וועט קומען א צדיק און וועט נעמען נאלדעלין. שׂרהלע: מיר האט זיך יענע נאכט גע-חלומט אזא גלייכען אז נאלדעלע זאל לעבין איז געזעסין אויף א שטול און געגען איהר איז געזעסין א יונגער רבי א גרויסער צדיק און האבין ביידע געבענטשט אזוי פיל יודען מיט ווייבער איז פאר גרויס שמחה האב איך פשוט ניט געוואוסט וואס צו טהון, דאכט זיך אז מעהאט איהם גערופען ר' געצעלע. בענדעט (געשווינד): מיר האט זיך אויך היינטיגע נאכט גיחלומט מחילה אזא חלום. . . . שׂרהלע (אין איין פרייד) וואס האט זיך דיר גיחלומט בענדעט אנא זאג? בענדעט: בעטלערס. יענטיל: (לויפט אריין גישר-יענד מיט א קליין פּעקעלע אין האנד) וואס פאר איין עדלער מענטש ער איז, גאטט, ער איז אוועק געגאנגין פון אייך זייער צו קאכט, ער האט מורא טאמיר זענט איהר אויף איהם חלילה ברוגז וואס מען האט אייך אהן געשלאגין דעם שידוך מיט משהלען וויל ער אייך וויסען אז ער איז אייך דער בעסטער פריינד און מיינט חלילה קיין חכמות ניט האט ער אייך גישיקט אט דיא עטליכע הונדערטער, וואס פאר א גוטער מענטש ער איז! ר' יאָחצע: (חאפּט דאס געלד און באהאלט דאס) צו אלדע שווארצי יאהרען מיטין געלד מיינט ער ניט אז מיר זענען עפּיס זיין גלייכען. געה זאג אברהמלין

ער זאל קומען אהער לאמיך עס איהם חארפין אין פנים אריין. אזא האזע פון א שקאץ מיינט ער ניט אז מיר זענען חלילה קבצנים. (ער ביינט זיך אוועק און ציילט איבער דאס געלד און בעהאלט דאס) יענטיל: (שטיל) מעדארף געהן בעסער אפקאכין א טעפיל קארטאפלים (געהט אב). שרהלע: אזא העזה! ר' יאחצע: אזויגע שקצים! שרהלע אזויגע הראבעס! ר' יאחצע: אזויגע עכברשים! בענדעט: (קוקט אין פענסטער) מומעניא אט טראגט א קורלאפניטשקע גוטע הינער, קאפהינער וויא איך בין א יוד, אט איז נאך איינע מיט גענז גאנערס, קאטשקים

ר' יאחצע: בענדעט טהי נאר א שפרינג אין קלייט אריין און היים ברענגין א שטיק מעבעלציג איבער צו ציהען דאס מעביל עס איז נאר א מיאוסע זאך מעקומט אריין מיינט מען אז קבצנים זיצען דא חלילה. (ער געהט מיט שרהלען אריין אין ספאלניע.

פינפטע סצענע.

בענדעט: (אליין) יא וואס זאגט איהר אויף אזא שלימזל' מעבעלציג דארף ער, ער קען זיך גאר אנדערש ניט באגעהן דאכט זיך אז עטליבע קאפהינער זענען א סך געטהייער מען האט שוין אפשר א חודש קיין לעפיל גיקעכטס ניט געהאט אין מויל. (טראכט) משהלע שיט מיט געלט פאר וואס בין איך ניט געבוירען געווארין מחילה א טויד איך וואלט דאך איהם געהאפט מיטביידע הענד. נאר עט, אפשר וואלט איך גראד גיוועזין צום שלימזל א מיאוסע טויד וואלט איך גיטוהט זיצען מחילה ביז אין ערדען צאם אריין.—א רחמנות אויף נאלדעלין וויא איך בין א יוד! זיא איז שוין געביך אין די יאהרען ויא דארף דאכט זיך ווערין 17 צו 18 יאהר אין א פאר יאהר ארום, און און דער פעטער מיט דער מומע הארויטען זיא, איך וויל זאגען הונגערין זיא אוים מחילה פון ר' געצילם וועגין. מעדארף די מעשה דערצעהלין משהלין לאז ער אויך וויסען אז מען וויל קויפען נאלדעלין א קעצילע אויף א שפילכען.

דער פארהאנג פאללט.

ר' יאכצע דל גאה.

א קאמעדיע אין 5 אקטען.

צווייטע טהייל.

דריטער אקט.

ערשטע סצענע.

(נאלדעלע זיצט איבער א בריעף און עסט א פיסטנע שטיקעל ברויט).

נאלדעלע (זיפצט): איך זאל מיינע עלטערין ניט דער ראגזינין, איך זאל זייא קיין יסורים ניט אנטהון. מערקווערדיג! אין יעדען בריוועל פארגעסט ער ניט אין דעם זיא קוקט ווייטער אין בריעף) איך בין זייער קינד, אמת איך בין זייער אייגענם נאר האבין זייא דען דאס רעכט צו טהון מיט מיר וואס זייא ווילין? בפרט אין היינטיגער צייט. איין אנדער קינד אויף מיין ארט וואלט זיך שוין לאנג בעפרייעט פון די נארעשע איינגעבילדעטע יחוס-חלומות נאט ווייסט דעם אמת איך האב שוין גענוג געליטען, גינוג איבער גיטראגען א יאהר דורך איין אנדער, זייט איך האב איהם דערקענט און האב מיינע עלטערין ניט געוואלט צוטהיילין קיין יסורים איך האב זייא ניט געוואלט צו טהיילין קיין שמערצין און עפינען זייא די אויגען זייא זאלין זעהן אז איך בין גאר מיט אנדערע געדאנקען. נאר אלצדינג איז דאך מיט א צייט, וויפיל קען א מענטש טערפין? איך בין שוין געווארין 18 יאהר, באלד היים איך שוין בייא יודען א איבער געוואקסינע מויד. מיינע יאהרען קענען אויף משהלין אויך ווירקען. גינוג אז ער וואַרט אויף מיר א יאהר, די נאטור ענדערט זיך בייא א מענטשין. רייך איז ער, שיין איז ער אויך, ער האט אין דער אמת א דאגה מיט א כלה? ער וועט דערזעהן א יונגעם מיידיל א שענערם פון מיר און נאך מיט אסך טויזענטער אויך, קען איהם פליצום ארויף קומען א געדאנק: וואס הייסט דאס? וואס פאר א מציאה חאפ איך דא אין איהר? א מיידיל שוין אין די יאהרען, נאקעט וויא די מאמע האט זיא געהאט, לאז זיא זיך געזונטערהייט ווארטין אויפן רעבין ר' געצעלע אין איין עק, דעמעלט איז מיין וועלט פערלוירען, עס קען זיין מיינע עלטערין וועלין דערנאך אפשר פארשטעהן זייער פעהלער

עס וועט אבער זיין פערפאלען (זיא וויינט) וואלטין זיא מיך תאטש געוועזין ערצוינגע אין זייערע געדאנקען און זייערע פיינונגען און מיט זייערע תאוות וויא מעהאט א מאהל זיא ערצויגען. וואלט איך געמיינט עס דארף אזוי זיין, זיא האט זיך אבער געגליסט זיא זאלין מיך שיקען קיין פארלאוויץ צום געוועזענים שותף איך זאל לערנען מיט זיינע קינדער און זאל מיך דארט באקענען מיט משהלין. איצט וואלט איך נאר געוואלט וויסען פון וועמענס וועגען האבין זיא מיך געלעהרענט? פון ר' געצעלעס וועגען? ר' געצעלע זאל אפילו עקסיסטירין דארף ער א גילערענטע העביצין אקוראט וויא איך דארף איהם ובפרט אז עס איז גאר חלומות. ניין, איך קען מער ניט איבערטראגין, מעהאט שוין דרויף אן דרינטער פארקויפט, פארזעצט, דיא וועקסלין האט מען שוין אויך איין גיגעבין עס וועט אונז קומען חלילה צו פאלין אויף דיא פעניטער אדער חלילה אויפשטעלין דיא הענד (זיא וויינט) און דיא גרויסע מיוחסת גאלדעלע ר' יאבצעס טעכטעריל וועט מוזען אנמעהן לערנין קינדער אין פרעמדע הייזער. ניין גאט הייסט ניט מען זאל זיך אזוי מפקיר זיין איבער עלטערענס חלומות.

צווייטע סצענע (יענטיל קומט אריין.)

יענטיל: וואס וויינסטו שוין ווידער? גאלדעלע: וואס וועט זיין דער סוף פון מיר? יענטיל: וואס וועט זיין? וועסט מירטשעשעס חתונה האבין און וועסט מירטשעשעס גליקליך זיין. גאלדעלע: דוא מיינסט דעם טאטין מיט דער מאמען וועט מען איבער רעדין? יענטיל: זארג ניט גאלדעלע, מיר וועלין געפינען עצות, גאט וועט מירטשעשעס העלפין. גאלדעלע: ליעבע יענטיל, איך ווייס אז גאר צו ליעב מיר לידסטו היינגער און נויט און ווילסט ניט אוועק גיהן. גלויב מיר יענטיל איך וועל דיר אמאהל אפ־דאנקען. יענטיל: דער „אמאהל" איז שוין גאר ניט ווייט, דוא זאלסט וויסען גאלדעלע לעב אז מיר זוכען אלערלייא עצות און אז עס וועט גאר ניט העלפין איז דא איין מיטיל אז עס זאל מקוים ווערין דעם פעטערס חלום, דוא פארשטעהסט? און אבי דיא וועסט נאר ווערין משהלעס ווייב וועלין זיא זיך מיט דיר דערנאך איבער בעטין, בייזט פארט זייערי איין איינציגע בת יחידה און מעהר וועלין זיא שוין ניט האבין. איך געה אצינד פון משהלין, מיר האבין אזוי אפגעשמיעסט און אזוי מוז זיין. שא איך הער דיא מומע געהט, געה דיר גאלדעלע אריין צו דיר אין שטיביל, לאז זיא ניט זעהן דיינע פאר וויינטע אויגען. (גאלדעלע מיט יענטלען געהן אוועק).

דריטע סצענע.

(עס קומען אריין ר' יאבצע מיט שרהלין מיט בענדעטין)

ר' יאבצע: נא בענדעט האסטו געהייסען בריינגען מעבעלציינג? בענדעט: דער משרת דער גראבער יונג זאגט ער וויל ניט טראגען אהער ביז מען וועט איהם ניט ברענגען אין קלייט אריין דיא מטבע, ער האט איך גישאלטען מיט טויטע קללות ער האט געזאגט אז איהר וועט מחלה א מאשעניק א מותם צו אלע רוחות, פאר וואס איהר בעצאלט איהם ניט וואס עס קומט פון איך פון לאנג. ר' יאחצע (אין כעס) האסט עדות דרויף בענדעט? געה רוף זיא מיר אהער, וועסטו זעהן וויא איך וועל אזא שנץ אזא עבבערדש אנלערנען. בענדעט: איך האב ניט קיין עדות וויל עס איז נאך געוועזין גאנץ פריה. טאקע כלתוך השור, מעהאט נאר וואס געעפענט דיא קלייט.

ר' יאחצע (שטיל אין דער זייט) גילויבט איז גאט וואס עס האט תאטש קיינער ניט געהערט (הויך) עס איז זיין טרפנה מערכה וואס קיינער האט ניט געהערט, איך וואלט אזא הונד אזא נחת דרגא געוויזען הרבית. שרהלע: רבשע וואס פאר א גראבי יונגען, שקצים וועגען דא אויף דער וועלט! בענדעט: דאכט זיך זיא וואלטען זיך בער דארפט האלטין פאר א גליק וואס זיא שטעהן בייא איך מיט עטליכע קערבליך. (אלע שוואגין א מינוט) ר' יאחצע: געה נאר בענדעט ריף מיר אריין גאלדעלין. בענדעט: וואס זאל איך איהר זאגען? זיא זאל אריין געהן עסין? שרהלע: רבשע! איך ווייס גאר ניט אין וועמין ער איז געראטען! טאג און נאכט זאל א מענטש נאר אין זינען האבען עסען און ווייטער עסין! בענדעט (מיט א זויער פנים): עסין מחלה ניט, און רעדע פון עסין אויך ניט וואס זשע לעבט מען אויף דער וועלט? ר' יאחצע: דאכט זיך מיר וועגען אויך מענטשין מיר דארפין עסין וויא דוא, געה, זאג איך דיר, ריעף אריין גאלדעלין. (בענדעט געהט אוועק) שרהלע: וואס הערט זיך יאחצע לעב, וויא אזוי האסטו זיך נוהג געוועזין? ר' יאחצע: גלויב מיר שרהלע סערדצע, איך האב געטאן וויא א מענטש און מיין גראר דארף טהון, טאקע וויא אונזי שטעהט אהן: 25 קערבליך האב איך געהייסען צוטהיילין ארימע לייט זיא זאלין זאגין תהלים און לערנין משניות אין דעם יאהר צייט, עס הייסט אין ביידע יאהרצייטען, דער טאטע עליו השלום איז נפטר געווארין שפעטיר מיט א פאר טאג פונים זיידין ר' דן זכותו יגן עלינו, א הונדערטער האב איך אוועק געשיקט דעם רעבין קיין פארלאוויץ, א פופציגער דעם שטיקוויצער מגיד און דאס איבעריגע איז געבליבען בייא מיר: לאז משהלע מיט אברהמלין וויסען אז מיר שטעהן ניט אין זייערע עטליכע קערבליך.— אין שטאדט וועט עס ווערין א ביסעל א רעש איינער וועט זאגען: ר' יאחצע האט געוויגען א געווינם וואס דען איז ער אזוי מפזר מיט געלט? איינער וועט זאגין ער האט אוואדאי געמוזט אפנעהמין ביים פריץ שרפ'ט אלפים קערבליך און איינער וועט זאגען אז ר' יאחצע איז פון תמיד אהן א גביר תורה וגדולה במקום אחד. (גאלדעלע מיט בענדעטין קומען אהן

פערטע סצענע.

גאלדעלע: גוט מארגען מאמעניא גוט מארגען מאמעניא. שרהלע: וואס וויינען דיר גאלדעלע דיא אויגען אזוי רויטה? האסט אפשר ניט דערשלאפען צו וואס, מוזט אוודאי האבען יסורים פונים שידוך, וואס אברהמיל האט אהן געשלאגען? ר' יאחצע: פטור נא, וואס א קדרעס א יונגערמאנטשיק קענען זיך אנטמעסטען דער פון דארף מען אויך האבען יסורים? ער האט שוין פון מיר געהאט א שווארצען סוף אז ער וועט שוין פאר־זאגען קינדרס קינדער. גאלדעלע (פארווינדערט) ווער? משהלע! ר' יאחצע: אזא העזה פון א שגץ! גאלדעלע (איבערראשט) ווער, משהלע, משהלע איז דאכט זיך זייער א פיינער מענטש. שרהלע (תניוודיג) נאריש קינד, דיין פאטער איז דאך געוועזן א בעל מלאכה, איך האב איהם אליין אמאהל גיגעבען איבער ארבייטען אוהרינגליך. גאלדעלע (איראניש) נא א בעל מלאכה איז מאקע א בעל מלאכה, ער אליין איז דאך אבער א וועלטעניר יונגערמאן. שרהלע (אביסיל אין כעס) יא פאר א בעקידס א טאכטער. גאלדעלע אחוץ אלעמין איז ער נאך דערצו זייער רייך. שרהלע (גום אין כעס) מיט דיין גאנצער רייכקייט וועט ער ניט קענען זיין דער זיידע ר' דן בן שטעמפעל. ר' יאחצע (פארגלעזט דיא אויגען) וביתו יגן עלינו. גאלדעלע טרויעריג) דארף מען דען דוקא זיין א גוטער יוד מען זאל קענען א ווייב גליקליך מאכען? שרהלע (דערשראקען) א רינער האט מיך דער־שלאגען גאלדעלע סערדצע! גאט איז מיט דיר! וויא קומט צו דיר אזעלכע רייד? וויה איז מיר, בוזט חלילה עפעס ניט געזונד, אזי א רינער האט מיך דערשלאגען, (צו יאחצין) קוילער! האסט מיר גיקוילט דאס קינד אהן א מעסער, איך האב מיר ניט גיקענט ביא דיר דערביימען זאלסט מיר דאס קינד ניט שיקען קיין פארלאזיץ צו דיא עכברשים צו דעם שיתעפס מיידען, צו דיא אפיקורסימניצעס וועה איז מיר! ר' יאחצע זיצט וויא א דערשלאגענער) גאלדעלע: איך בעט אייך איבער מיינע טאטעי עלטערין, איך ווייס אייער שטאנד, איך בין שוין א דערוואקסין קינד, משהלע קען אונז אלע גליקליך מאכען. (שרהלע פאלט פון דיא פיס און שרייט) האסט חליש איך! זכות אבות זאלן אונז בייששטעהן. ר' יאחצע (שטארק אין כעס:) דוא ווילסט אונזער עלטער פארוויסטען? וואס הייסט ביא דיר גליק? א גוטער וואריטעס? א שיין מלבוש? א שיינע דירה? בעדאי חתונה האבען פאר א בעל מלאכות א זיהן אז וועה איז אונזערע איהרען וואס מיר הערין דאס, איבער דיין טרייפענים האלז ווילסטו פארשטערן אונזער היילגען יחוס, וואס איז פון דוד הורות צדיקים געוועזן גאלדעלע (וויינט שטארק) ער וועט בעצאהלען אייערע חובות, ער וועט פארזארגען אייער עלטער, ער וועט מיך ליעב האבען. שרהלע (פער־חארפט מיטין קאפ) שוויג, ווארים איך וועל מיר א מעסער אין הארצין אריין שטעכין (זיא צו וויינט זיך אויף אלע כלים) ר' יאחצע (פינעט פאר כעס וואן פון מיינע אויגען דיא ראפס מיר, דוא שיקסע, דוא כלבוניצע, דו דו דו טרייפנה נשמה (ער פאלט אופין

ביינקיל אין קרעכצט. גאלדעלע געהט אוועק און חליפעט שטארק) שרהלע (וויינט) גוואלד יאחצע, וואס פאר א ראטה, וואס פאר א עצה גוט מען זיך דא. גוואלד וויא קומט צו דעם קינד אזוינע גידאנקען אזוינע מחשבות? בענדעט: איהר מיינט הינגער איז א קליי־ניקייט? אונזער שווארצין קאטער מעגען מיר שוין אויך צו רעכענען צו אונזער יחוס, שוין דריי טעג אז ער האט אנגעהויבען פאסטין הפסקות. ר' יאחצע (האט זיך ווי פינום שלאף אויפגעחאפט) אנדערש ניט נאר דאס קינד איז עפים ניט מיט אלעמין. וויא קומט צו איהר ליבע? גוואלד דאס קינד איז נאר פארביטין געווארען. שרהלע שפרעך איהר אפ א גיט אויג, מען האט דאס קינד גאר אויפגיגעסין. (ער צוגעניצטזיך שטארק און בענ־דעט נאך שטארקער) ר' יאחצע איך זאג א גוט אויג, עס זאל זייא נאר דיא אויגען ארויס קריכען רבש"ע. בנדעט: נאך וואס פאר א גוט אויג... (ער ווייזט מיטין גראבען פינגער וויא משהלע וויינט און געניצט) שרהלע (אין מיטין געניצען:) עס זאל זייא נאר דיא אויגען ארויס קריכען רבש"ע. ר' יאחצע (אין מיטין געניצען) בענדעט, טאמיר וואלסטו געגאנגען צו אלדע שווארצע יאהר. בענדעט: מיינע שונאים זאלין אזוי כח האבין צו לעבין וויא איך האב כח אזא ווייטען מהלך צו געהן. (ער געהט אוועק און געניצט אלע געניצען אין איינעם).

פינפטע סצענע׳

(ר יאחצע מיט שרהלין).

ר' יאחצע: שרהלע איך געה אריין אין מיין שטיביל דאווענין, איך קען דען דא־ווינין דער מוח קערט זיך מיר פשוט איבער. שרהלע: דוא מיינסט יאחצע, אז עס איז מאקע אזוי וויא זיא זאגט? ווארט זיא וועט עלטיר ווערין וועט זיא קליגער ווערי שפעטער אביסיל וועל איך מיט איהר איבער שמיעסין, איך וועל איהר ארויס שלאגין דעם שגעון פינים קאפ. ר' יאחצע: עס זאל נאר זיין א כפרה אויף אונזערע זינד רבש"ע שרהלע: שא, ברוך הבא, עס איז דאך היינט דער ליבער דאנערשטאג, דיא שלעפערס געהן שוין, וויא איך האב פיינד דיא קבצנים, גאט זאל מיך ניט שטראפין פאר דיא רייד (זיא קלאפט זיך איבערין פיסק) וויא דיא מאמע עליה השלום. (א קבצן אויף צוויא קוליעס פידרט א בלינדין וואס אין איהם האלט זיך א בלינדע יודענע מיט א קליין קינד קומען אריין און דער קבצן זאגט:) גוט מארגען בעלהביתטעניא גיט עפים א נדבה.

שרהלע: גייט צו דעם קאסיר אדא אקעגין אין נייעם הויפיל, דארט האב איך געהייסען טהיילען נדבות. דער קבצן: הייסט אונז בעלהביתטעניא גיבין א לעפעל גר־קעכטס, חלעבין איהר וועט האבין עולם הבא. שרהלע: איך האב דאך אייך גיזאגט איהר זאלט געהן צו דעם קאסיר, דער קבצן: א געלעזילי טהייא,, אביסעלי בארשטש, טאמיר א העמדיל פינום קינדס וועגין חלעבין איהר וועט האבין עולם הבא וויא איך בין א יוד. שרהלע (אין כעס) רבש"ע, איך זאג דאך איהר זאלט געהן צו דעם קאסר

דער קבצן (אוועקגעהענדיג) אידר וואלט שוין מטשעשעם קומן אויף אנגער שטייגער. (א בעטלער קומט צו מיט דער טארבע, האפט ארויס דאס הוטיל און בייט א נדבה) שרהלע: נא דיר א נאיי שלימסמזל נא נא אידי אידי דאלשי. גיסא, טוט ושיד. (דער בעטליר גייט אוועק, א היקוואטיר-קבצן קומט אריין און בייט:) ג-ג-גוט מארגין ב-ב-בעל ביתטעניא ג-ג-גיט עפים אידר ד-ד-וואלט מיר נאך דער ל-ל-לעבן ס-ס-משיחין וו-וו-וויא איך ב-ב-בין א יוד. שרהלע: נא דיר אווא שלאק, גיה ארא א קעגין צו דעם קאסיר דארט טהיילט מען נדבות. דער היקוואטער ח-ח-איך האב שוין ד-ד-דארטין גי-נומען ביי א ם-ם-משהלין מ-מ-מיינט אידר? שרהלע (מיט כעס) גינוג דיא גאנצע וועלט איז דיר קארג, טאמער וואלט מען דיר טאקע דאס גאנצע פארמעגין אוועק גיגעבין? דער היקוואטער: נ-נ-נא האט זשע מיר א ג-ג-גוטין ט-ט-טאג. (ער געהט אוועק און היקעט צו זיך אליין.)

זעקסטע סצענע׳

(א שיינער יוד מיט א גבאי קומען אריין.)

דער שיינער יוד מיט דעם גאבאי (זאגין בייט) גוט מארגען ר׳ יאחצע וועצי זיך׳ ר׳ יאחצע גיט זייא שלום אין דער שיינער יוד גיט איהם א בריעף) איך פאהר אצינד ארום מעמדות געלד צו נויפגעהמען. ר׳ יאחצע (לייענט דעם בריעף און זאגט אין איין פרייד) וואס זשע מאכט דער רבי-געזונד ב״ה גילויבט איז גאט פאר דעם וואס דער רבי פארגעסט דאטש ניט אין אונז, זעהסטו שרהלע עס איז א קבלה אויפין הינדערטער וואס איך האב געשיקט. נאט אייך פארין וועג (ער גיט איהם א פאר קערבליך.) דער שיינער יוד: וויא וואינט דא ר׳ משהלע גליקליך? איך האב צו איהם אויך א בריוויל פונים רבין ר׳ יאחצע מיט שרהלין (פאר וואונדערט) א בריוויל פונים רעבין צו משהלע גליקליך? דער שיינער יוד: יא פארשטעהט איהר, ער שיקט אלע יאהר מעות חיטין שיינע עטליכע קערבליך, אויף היינטיגען פסח האט ער גישיקט מעהר וויא תמיד פרעגט איהם דער רבי צו זאל ער דאס גאנצע געלט פארטהון אויף מאות חיטין צו דארף מען דאס איבריגע עמיצין אוועק געבין, צו אפשר האט ער עס גישיקט דעם רבין אליין ר׳ יאחצע: אויך מיר א ליים, ער שיקט אויך דעם רבין געלד. שרהלע: אויך מיר א מענטש ער רייבט זיך אויך צווישן לייט. דער שיינער יוד: הייסט מיר איך בייט אייך אריין ווייזן צו איהם איך בין דאך א פרעמדער איך ווייס ניט וויא א טהיר עפינט זיך. ר׳ יאחצע (שרייט): בענדיט, בענדיט! (בענדיט לויפט אריין און קיעט א שטיק ברויט) ר׳ יאחצע: גיה ווייז אריין צו דעם בעל מלאכה׳ס זיהן און שטעה אויפין טויער און ווייז אריין אלע קבצנים צו דעם קאסיר. בענדעט (קייט און פרעגט פארוואונדערט) וואס פאר א קאסיר? ר׳ יאחצע (שטיל אין כעס) נאר פרעסין קען ער ווייטער גארניט (הויך) בהמה, צו דעם קאסיר וואס

טהיילט נדבות. (בענדעט נעהם און ציהט מיט דיא אקסלען, דער שיינער יוד מיט דעם גבאי געהן אויך אוועק.)

זיבענטע סצענע.

בענדעט לויפט אריין (פערסאפעט) פעטער, מומע, בעהאלט אייך, וויא איך בין א יוד! עפעס א גאנצע האפטע געהט אהער, דער פריסטאוו מחילה מיט בודוטש-ניקים און מיט אסך יודען טאקע, אט דיא יודען טאקע וואס מאנען אייך דיא מטתקים שרהלע (בעהאלט דאס סדור מיט דיא תחינות) וועה איז מיר יאחצע בעהאלט דעם יחוס בריעף דיא עבברושים קאנען איהם חלילה צו נעמין. (עס עפינט זיך דיא טהיר עס קומט אריין דער פריסטאוו מיט א אצענטשיק, א שרייבער און מיט עטליכע קרעדיטארין).

דער פריסטאוו: Въ силу выданныхъ Вами векселей, суммы которыхъ вы не въ состоянiи уплатить, пришелъ я исполнить мою обязаность и волю закона.

ר׳ יאחצע (צו שרהלין:) וואס דיבערט דער אדון? בענדעט: ער דיבערט אז חען דער יהודי וועט ניט משלם זיין וועט ער אייך אוועק לקחען אין מקום הגדול טאקע. ר׳ יאחצע: זכות אבות זאלין אונז ביישטעהן!

שרהלע (צו דעם פריסטאוו:) що вы миете до насъ? якъ вы смиете? вы знаете що ми пирше балеихесъ на свите?

דער פריסטאוו (צו איינעם פון דיא קרעדיטארין:) что она говоритъ?

דער קרעדיטאר (גלעט זיך ביא דער בארד:) Вини говоръ що вини . . . що вина . . . ей богу не знаю якъ вамъ сказате.

איין אנדערער קרעדיטאר (מיט א נמרא ניגון:) що вини лемушелъ пирше люди на свите.

דער פריסטאוו: (מיט א שמייכיל:) я васъ не понимаю (מעהייבט אן איבערשרייבין, מען עפינט אימעטום, און מען נעמט ארויס וויא עפים ליגט מען עפינט א טייסעריל מיט געלד))

דער פריסטאוו: четыреста рублей господа! שרהלע (ווייטינדיג צו דעם פריסטאוו:) Пане приставъ, ей богу то чужiе роше!!!

דער פריסטאוו: конечно теперь уже не ваши.

אכטע סצענע׳

משהלע (לויפט אריין ערשראקען) איך בין נאר וואס געוואר געווארין פון דעם אומגליק בין איך געקומען אייך אויסלייזין. ר׳ יאחצע: מיר דארפין ניט קיינעמס לאסקע חלילה, שרהלע: מיר וועלין בעסיר קומען אויף יענער וועלט נאקיט וויא דיא היילגע תורה זאגט: נאקעט קומט מען פון דער מוטערס בויך און נאקעט געהט מען צוריק אויף

יענער וועלט... אידער מיר זאלן אונזער קינד פארקויפן צו נים אונזער גלייבען, קום
יאחצע לעב לאזין זייא זיך טהון וואס זייא ווילן (זיי גייהען אב) בענדעט: לאמיך נא
לויפען אין קעך אריין אפ ראטעוועהן מיינע מלבושים וואס משהלע האט מיר געשיינקט
דער ארון קען זייא אויך אריין געבין אין קאהן (ער געהט אב) מעהאט אלעם איבער
געשריבען און מען איז זיך צוגאנגין. נאר משהלע איז געבליבען.

ניינטע סצענע. (משהלע אליין)

משהלע: נוא וואס זאגט איהר אויף אזוינע ברואים? דער חלף ליגט שוין אייף דעם האלז און מען וויל זיך נים נאכגעבין, אט דאס הייסט מענטשין בילדען זיך איין א לונג און לעביר אויף דער נאז און קיין טאטער קיין דאקטאר קען דערצו נים העלפען.— ארחמנות אויף זייא, זייא זענען קראנקע מענטשין און ווילען אז געזונטע זאלין לעבין זייא אויך קראנק זיין. גאלדעלע איז געביך מיט א געזונטין פערשטאנד ווילען זייא דיא לונג און לעביר איהר אויך אנהענגען (ער געהט אום איבערין שטוב לאנגזאם און פער-טראכט) מיט זייא איז א מעשה אהן אנעק. איך מוז אונקומען צו דער עצה. לעת עתה מוז מען בעצאהלין אלע זייערע חובות, לאז מען זייא דערווייל נים פערקויפען פובליטשנא און איך וועל זיך שוין מוזען איין עצה געבין וויא אזוי איך זאל ראטעווען גאלדעלען... אך עס האט מיך אזש פארקלעמט ביא דעם הארצין אז איך האב עס געהערט: מיט א שטיקל ברויט קומט זיא אפ דעם טאג. ניין מען מוז זיא ראטעווען איך זאל זיא אפילו נים גיוועזין קענען בפרט... (גאלדעלע זייער פארוויינט לויפט אריין צו משהלין) גאל-דעלע: אוי מיר זענען אומגליקליך, משהלע מעהאט אונז אלעם איבער געשריבען און בענדעט זאגט אז מען וויל דעם טאטין איינזעצין, אוי וואהין וועלין מיר אהין קומען? (וויינט) משהלע (נעמט זיא אן ביא ביידע הענד) זייא רוהיג גאלדעלע איך וועל עס נים דערלאזין, נאך אביסעל מיזטו טערפין גאלדעניא איך האב ערשט מיט דיינע עלטערין גערעדט, וואס זייא האבין מיר גיענפערט פארשטעהסטו אליין זיי געהן דוכט זיך מיר, זייא מיר געזונד און עטליכע טעג ארום וועל איך דיך אויסלעזין עס וועט שוין זיין א כיטעל וויא דיר צו העלפין (ער קושט איהרע הענד און זייא צו גייהען זיך אין פארשידענע זייטען.)

צעהענטע סצענע.

(ר' יאחצע שרהלע מיט בענדיטין קומען אן.)

ר' יאחצע (קומט אריין אין א אלטער קאפאטע און שרהלע אין דער עלטער באבים אפגעריסענער יופקע און בענדיט געהט איין קאפאטע אויף דער אנדערער איין היטיל אויפין אנדערין און א פאר שטיפעל אונטערין ארעם) בענדעט: גילויבט איז גאט וואס

איך האב חאטש מיין ביסעל אריינקיום אפ געראטעוועט. ר' יאחצע: עס זאל קומען א אוים תאפעניש אויף אלע בעלי הלוואות וואס האבין אין מיר א חלק רבש"ע. שרהלע: פארברענט, פארשארפעט, אויסגעווינקעלט זאל נאר ווערין אזא שטאדט רבש"ע! וואס דערלאזט נאר צו אזא פאדלער זאך! בענדעט: וואס איז נעביך דיא גאנצע שטאדט שולדיג? ר' יאחצע (ווארעם) ביא אזא מעשה איז גאר אין רחום בדין! שרהלע: דוא וועסט זעהן יאחצע לעב וואס פאר א רעש עס וועט אנמאכען אויף דער וועלט נישט קשה מיר וועלין זיך דערלעבין א נקמה ראשית פאר דאף איך צו גאט ב"ה אז קיין שום צדיק וועט אהער נים וועלין אריין פארין, מיר וועלין אוועק געהן אויפין בית הקברות און מיר וועלין פאלין אויף דיא היילגע קברים פון אונזערע אבות הקדושים דעם לעבטיגען גן עדן זאלין זייא האבין און מיר וועלין פאר זייא אויסגיסען אונזערע הערצער, מיר וועלין זייא דערציילין וויא שיין מעהאט זיך מיט אונז נוהג געווען, לאזין זייא זיין מליצי יושר פארין בית דין של מעלה און זייער זכות זאל מער נים מגין זיין אויף דער שטאט וואס איז פול מיט עבערשים מיט שקצים מיט נרזות דרגא'ס!

ר' יאחצע (לעבענדיג.) ביזט גירעכט: שרהלע, מען מוז אזוינע הינד ווייזין תרבות וויא איך טראג בארד און פאות. בענדעט: וויא איך טראג איין היטעל אויף דעם אנ-דערין אז דיא מומע איז כולה מקשה גירעכט... ר' יאחצע (אין כעס) בענדעט, טאמיר וואלסטו גיגאנגען צו אלדע שווארצע יאהר! בענדעט: דיא שונאים זאלין אזוי ניחא זיין דאס לעבין וויא מיר איז ניחא אהין צו געהן (ער געהט אב): (דער פארהאנג פאלט.)

פערטער אקט. (בייא משהלין אין שטוב.)

(עס קומט פאר א שיינע מעבלירטע זאל, משהלע זיצט אויף א שטיל, אקעגען זיצט אברהמיל, זייא אלטין אין מיטין א שמועס.)

ערשטע סצענע.

אברהמיל: עס קען אבער אנדערש נים זיין, מיט זייא איז א מעשה אהן אנעק. משהלע (לאכט:) זאג דיר אברהמיל וואס דיא ווילסט, איך קען זיך נים מאסקירען איך וועל מיך אין מיטען דרינען צו לאכען וועט דערנאך אלדינג זיין פערפאלען, חאטש שרייא הי וקים און איך זאג דיר דעם אמת אברהמיל לעב איך וויים נים וויא אזוי שפילט מען א ראלע פון א גוטין יודען אז מען ווייסט ביא זיך אז מען איז נים מעהר וויא א מענטש. אברהמיל: עט דוא ביזט נאך גאר א קינד משהלע; איך וועל דיר געבין צו פארשטעהן וויא אזוי מען ווערט א גוטער יוד, נאר פריהער מוזטו וויסען דעם כאראקטיר פון אונזערע יודען, א יוד מיזטו וויסען, האט פיינד צו געהן מיט דעם גלייבען וועג, א

יוד האט נאר ליעב איבער נאטורליכעס, אזוינס, וואס עס איז העכער פון זיין פערשטאנד ווייל ער איז אזוי געוואוינט געווארען נעהם זיין געשיכטע ווערסטו ווערן סאמע ווינדער זיין גאנצער עקסיסטענץ איז נאר נסים ונפלאות, דאריבער וויל ער גאר ניט פארשטעהן אז א גוטער יוד איז וויא ער, א פראסטער ילוד אשה, איהם טויג אנדערש ניט נאר אז א גוטער יוד איז אוודאי אהיסטעל מענטש, וואס דיא מלאכים זענען ביי איהם כחומר ביד היוצר און אבי איינער האט געזאגט ער איז א גוטער יוד איז פארפאלין, ער איז שוין אהיסטיל מענטש ביי יודען, פארעסט זיך שוין מיט דער שכינה מעג שוין געהן מיטן קאפ אראפ מיט דיא פיס ארויף און מעג רייסין פון טויט און פון לעבעדיג. קיינער וועט ניט סמייען צו זאגין א ווארט, ווארים דער רבי ווייסט וואס ער טהוט, דער רבי ווערט דערוויל אזוי גיוואוינט און טראכט ביי זיך: הא? וואס איז דאס? אזוי פיל יודען זאגען אז איך הא? מן הסתם בין איך דאך טאקע עפעס, הא? לאמיך זשע טאקע זיין, תאמיש עס קען גאנץ מעגליך זיין אז ניט איינמאהל קוכט איהם ארויף דער געדאנק. עס איז זייער נעקא־ ווערסטנא א וועלט מיט מענטשין דיא אויגען צו פארבלענדין און לעבען אויף פרעמדע פלייצעס נאר וואס זאלין זיי טהון? איך בין דא צו וייט פארקראכען מיט דיא גוטע יודען, ניט אצונד איז דיא צייט פון זייא צו רעדין. מיר דארפען בעסער אונזערס אין זינען האבען. דוא ווערסט זיין דער רבי ר' געצעלי און איך פלטיאל דער גבאי. דוא האסט גאר ניט וואס צו טהון, נאר א קרעכץ, א שמעכיל און איין ווארט איבערן צענטין וואס זאל ניט קערין צו דעם ענין דאס זענען גוטע יודישע תנועות און איך וועל שוין ריידין אלדינג וואס מען דארף איך קען דיא קונץ, מיך וועט מען ניט דערקענין, איך האב שוין פון דיינעט וועגין אנגיגרייט צוויא לאנגע פאה'קליך וואס זענען מחיה נפשות און א צאפין בערדיל, ממש אגוט יודעש, פון מיינעט וועגין האב איך אויך א גוטע בארד מיט א פאר פאות און דוא וועסט זעהן אז עס וועט אונז געהן וויא א מזמור פארלאז דיך אויף מיר, מיט דיא שוטים מוז מען זיך אט אזוי באגעהן. אויף דער מינוט וועט אפשר זיין א געפילדער א געשרייא, נאר דערנאך וועלין זייא אליין צו פרידען זיין.

משהלע: טא, איך מוז מיך שוין פארלאזין אויף דיר. יא עיקר שכחתי, דוא האסט ביי דיר דיא רעכנונג פון דיא חובות? אברהמיל: איך געדיינק דיא גאנצע סומע אויסעניווענינ, זיא באטרעפט איין ערך פון א פאר טויזענד קערבליך, הערסטו משהלע איך האב בעצאהלט אויף אזוינע ערטער: פינף־דרייער־צעהנער קערבליך וואס עס קומט נאך פון זייערע עלטערין און זייא האבען ניט גיוואלט צאהלין, חאטש זייא האבין גענוג געיירשט, איך האב געצאהלט פערצינערס מיט גילדענס דיא ווייבער, וואס טראגין ארום צו פארקויפען מילך, אייער און אופות אפשר אויף צוואנציג קערבליך, זייא האבין מיר געשוואורין אז זייא תאבין פשוט ניט געוואלט צאהלין חאטש זייא האבין גיהאט אזוינע פאדלע האראקטערע! משהלע: געלויבט איז גאט וואס דוא האסט שוין דאס

פארטראגט. אברהמיל: דיא שוטים וועלין זעהן אז מען טשעפעט זייא מעהר ניט, חעט שרהלע זאגען דיא באבע האריע האט זיך איהר געטוהם אין דיא שקארפעטקעס און ר' יאחצע וועט זאגען אז דער זיידע ר' דן בן שטעמפיל איז געוועזין א מלין יושר, (עס קומען אריין יענטיל מיט בענדעטין).

צווייטע סצענע.

בענדעט: נא ר' משהלע ווען מאכט איהר שוין דיא קאמעדיע איך וואלט מיך שוין ממש מחיה געוועזן מיט א לעפיל גיקעכטס וויא איך בין א יוד! יענטיל: גאלדיגע קוקט שוין אויף אייך ארו"ס וויא אויף משית'ן. אברהמיל: אט באלד היים איך איין שפאנען א קאריטע אויב מיר וועלין אריין פארין צו אייך איהר זאלט שטייען ביי אייך אויפין טויער און אז איהר וועט זעהן פארין זאלט איהר אריין לויפין זאגין דיא בשורה אז דער רעבי ר' געצעלע פארט צו אייך נאר למע"ש איהר זאלט ניט פלודערין, דוא בענדיט האסט דאך איין אפען מויל זעה זשע זאלסט זיך ניט עפיס ארויס כאפין יענטיל זארגט ניט ר' אברהמיל איך וועל אויף איהם האבין איין אויג ביי מיר וועט ער שווייגען. בענדעט: פתח שין שא! איך בין וויא מען זאגט אל... אל... עפעס פה לשטן צו שווייגין בין איך ממש א בריה נפלאה וויא איך בין א יוד! (אלע צוגעהן זיך).

דריטע סצענע. (בייא ר' יאחצין אין הויז)

ר' יאחצע: הערסטו שרהלע עס איז מיר געווארין גרינגער אויפין הארצין ארט איך זאג דיר אז איך זעה ארוים בחוש אז מיר האבין גרויסע זכות אבות אט האסטו א סימן שיין אכט טאג צייט מען האט אונז אלדינג איבער געשריבען און מען רוהרט ניט וואס עס איז ווערט א שפילקע ווארים זייא האבין שוין מעהר ניט קיין שליטה צו אונז. שרהלע: איך האב פריהער געוויסט אז עס וועט אזוי זיין, וואס דען? אונזערע אבות הקדושים וועלין עס דערלאזין? עס איז עפיס הפקר א וועלט? דער הימעל איז ניט פוסטע. (בענדעט מיט יענטלין לויפין אריין) יענטיל: פעטער! מומע! עפיס פארט צו אונז אריין א גוטער יוד אין א קארעטע. בענדיט: א גוטער יוד אין א קארעטע מיט פערד, וויא איך בין א יוד! ר' יאחצע: שרהלע, מיר זאגט עפיס דאס הארץ. שרהלע: מיר אויך. יענטיל: מיר אויך. בענדעט: מיר אויך, מען זאגט יאקבי אז ער איז ניקומין און פנימין גאלדעלין. ר' יאחצע (פריילעך) מקבל פנים זיין מיינסטו? בענדעט: יא יא כולה מקשה אלם איינס. ר' יאחצע: נוא שרהלע, וויא גיפעלט דיר מיין חלום? שרהלע: גלוב מיר יאחצע לעב עס איז ביי מיר גיוועזין אזוי זיכער וויא אויף דער דאלאניע זכות אבות, זכות אבות דיא שונאים אויף צושפרינגעניש, רבש"ע. ר' יאחצע (רייבט זיך דיא הענט פאר שמחה) איך וויל שוין טאנצין פאר פרייד.

עס פארין צו קארעטעס מיט פערד און מענטשן געהן אריין אין הויז. ר' יאחצע הייבט זיך שוין אן אויספיצען דיא בארד מיט דיא פאות, שרהלע דיא פעלענע מושקים און בענדעט ווישט זיך דיא שטיפעל מיט איין עק פון דער לאנגער קאפאטע. עס עפינט זיך דיא טיר עס קומט אריין א געפאסטעטער גבאי אין זאגט אויף א גראב קול: ברוך הבא רבינו הקדוש ר' געצעלע. ר' יאחצע מיט שרהלין קוקען זיך אן פרייליך. עס קומט אריין א יונגער רבי אנגעטהון גוט יודיש מיט נאך עטליכע חסידים, ר' יאחצע געהט צו מיט פרייד מיט דרך ארץ און גיט איהם שלום) דער רבי (הייבט אויף דיא הענד) עילת העילות זאל בענטשן אייער הויז עס זאל פון אייך ארויס קומען א דור פון צדיקים. ר' יאחצע מיט שרהלין (פארגלעזין דיא אויגען) אמן רבש"ע! יענטיל: אמן הערציגער פאטער. בענדעט: אמן יהי שמיה רבא! דער גבאי (אויף א גראב קול) דעם רבין האט מען געשיקט מן השמים ער זאל מתקן זיין א נשמה ביא אייך אין שטוב, א נשמה קדושה וואס דער צדיק ר' דן בן שטעמפיל האט ניט געקענט מתקן זיין מן השמים עכבוהו, דעריבער איז דער רבי געקומען. דער רבי: להשיב לב אבות אל בנים, ולב בנים אל אבותם. (אללע גלאצען אויס דיא אויגען אויפן רבין און איין פחד) דער גבאי הייסט אריין גיין אייער קינד לאז זיא דער רבי מקבל-פנים זיין (בענדיט לויפט נאך גאלדעלין, גאלדעלי קומט אריין דער רבי האט אויף איהר אקוק גיטוהן און האט זיא געבענטשט) דער גבאי: דער רבי וויל זיך אפ ריהען פון דער נסיעה. ר' יאחצע (מיט דרך ארץ) דער רבי זאל מאריך ימים זיין וועט זיך אפ ריהען אין דעם שטיביל (ער ווייזט רעכטס) אין דעם שטיביל האט אמאהל דער זיידע ר' דן בן שטעמפיל זכותו יגן עלינו געבענטשט תנופה ליכטליך. בענדיט: וויא איך בין א יוד רבי אז ער האט גע־בענטשט הנוכה ליכטליך איך האב אפילו ביא זיינעם א חניאק געווינען דרעמעלט אין דריידיל א פאר גילדען און א פערציגער און 35 גראשן א פאר מטבעות טאקע שמירות וואס ער האט געהאט פונים זיידן ר' דן וויא איך בין א יוד! (יענטיל ווינקט צו איהם ער זאל שווייגען). (דער רבי שמייכלט און געהט אריין אין שטיביל דער גבאי געהט נאך, חסידים צו געהען זיך?)

פערטע סצענע.

(א יודענע לויפט אריין אין א יופע אויף איין ארביל און שרייט:) וויא איז דער רבי? איך בייט אייך וויא איז דער רבי? אוי צרות מיינע! ר' יאחצע (מיט גדלות דרך ארץ חציפה) דער רבי זאל מאריך ימים זיין שלאפט און איהר שרייט אויף דיא ציין? שרהלע: אזא העזה פון א בעסטיע זיא מיינט זיא איז עפים אריין געקומען צו איהר גלייכען גיפעלט דיר איהרע קולות נא... דיא יודענע (וויינט) גלויבט מיר שרהלע סערדצע לב יודע מרת גיטיל מיין מאנן האט געביך אזויגע שנים חייטהיג אז ממש

זאל ניט ציהען (שונאי ציון) אויף אלע פיסטע וועלדער גיזאגט גיווארען. מילא דאס בין איך אייך שוין מוחל, דערצו האט ער נעביך זאל ניט אויסגערעדט זיין אזא בויך גרימיניש אזש ממש ער רייסט זיך, הערט איהר, אויף אלע גלייכע וועגר, בין איך אייך מוחל, צו אלע מיינע מכות האט ער, האסט ניט ווייסט ניט גאר פליצום פון דער העללער הויט אויף מיר גיווארפין איין אומ-תן און לאזט מיך פשוט ניט אויף זיינע אויגין זיא זאלין איהם נאר ארויס קריכען רבש"ע! ער זאל אומגעהן מיט מיינע מכות (זיא וויינט און שנייצט דיא נאז) מיט מיין צוברעכין הארץ און מיט מיין פארשטויסיגער נשמה. הארצעדיקיר פאטער (גאר אויף איין אנדער קול) וואס זאגט איהר שרהלע? א יא איך זאל איהם צו שטעלין צו דעם רבין א בייגקילע לאז ער איהם שיקען רפואה און לאז ער איהם אבסיל אויס שייגעצין וויא איך בין א יודישע טאכטער. בענדעט. געהט דערוויל געדט, דער רבי האט אויך מעהר ניט צו טהון וויא נאר זיך אפגעבין מיט אייערע פארשטויסענער נשמה, אז איהר ווילט אייער מאן צו שטעלין א בייגקילע שטעלט איהם צו אין דער היים ניט דא. יענטיל (שטיל צו בענדעטין) טאמיר וואלטסו געהאלטין דאס מויל, מען האט דאך עפעס מיט דיר אפגעשמועסט. א בעל הביתטע קומט אריין און זאגט בריוש) גוט מארגען שרהלע, מיט ליעב אייך אייער נאסט, וואס זאגט איהר. שרהלע צו מיין אומגליק זאל גאר קיין יודישע טאכטער ניט טרעפען וואס וואס מיך האט געטראפין, מיין גריזאטע מיין זינדעלע ימח שמו זאל ער ניט ווערין איז שוין ווידער משוגע פאר אלע יודען און חיל שוין ווידער פאהרען אין דיא שקאלים צו אין דיא קלאסין איך האב אפילו נעכטין געשיקט טרייגע דיא באבע-איך בייט אייך שרהלע זאלט איהר מיר לעבין זיא איז ביא אייך אויך א באבע? זיא איז דאך פשוט א צדקית וויא איך בין א יודישי טאכטער. טעמע דיא באבע שטענם גיזאגט א נאשערין, וואס אין דער קארט און דאס טעכטעריל איהרס אומשטען דער ערד גיזאגט גיווארין א גרינע ושאבע, פע טפוה עס איז מיאוס פאר איהר א שטיקעל ברויט אויפצועסען און דער מאנן לעגט גאר פון איהר דיא פינגער, נאך נימער ערגער! גאט זיצט אויבין און פארט אונטין, מען האט דאך איהם גירעדט מיין שרהלין. קיין עין הרע. קיין בייז אויג, אזוי וויא זיא הערט ניט אחי זאל איהר ניט שאדען-יא וואס זשע האב איך אייך געוואלט דערציהלין-איך מיש אייגם אתים אנדערין-האב איך געשיקט טרייגע דיא באבע זאל מעסטין דאס פעלד-ניט א געגען נאבט גידאכט און זאל זאגן מענה לשון און הבלל עס העלפט איהם ניט מיט מיין מויל גירעדט וויא א טודטען באנקים. בענדיט (ניסט) א ציא א ציא! שרהלע (צו בענדיטין) מהי דיר א ציה ביא דעם אויער בענדיט. דיא בעל הביתטע: וויא א טויטין באנקים, וויא איין ארבים אין דער וואנד, נאר אין דיא שקאלים און אין דיא קלאסין און אין דיא קלאסין און דיא שקאלים, וואס איך בייט איהם, וואס איך חלש פאר איהם.-איך גיב דאך איהם נאך אלסדינג: ווילסט נאך א גמרא, נאך

א שפיל, נאך א שפיל און ער ווייטיר דאס איינינע און אבער דאס איינינע, איך קען מיך גאר מיט איהם קיין ראטה און קיין עצה ניט געבין, בין איך גיקומען בעטין דעם רבין, ער זאל איהם גיבין א שמירה נאר א ניט גיטער זיצט אין איהם. בענדיט: דער רבי גיט ניט קיין שמירות און טויג ניט צו ניט גוטע געהט אייך גיזונד. יענטיל (שטיל) יעקט ווערין פאר שטיפט בענדיט! װארים איך וועל דערציהלין אברהמלין. דער גבאי קומט ארײן דער רבי האט גיהייסין צוגרייטין אלדינג א חופה מיט כלי זמר מיט א סעודות מצוה כדת משה וישראל.

ר׳ יאחצע (אויסער זיך פאר שמחה) לויף בענדיט גיך אין שול ארײן הײם ברײנגין דיא נײע חופה און אין אײנװעגס ריעף דעם חזן מיט דיא כלי זמר. בענדעט: דער חזן װער שמיעקט דיא כלי זמר האבין ליב צו נעמין עפיס און מויל ארײן ארויז אין דער יד און איהר זענט דאך מחילה ... ר׳ יאחצע (פאלט איהם אין דיא רייד) שוטה, סמט. װעסט זאגין אז דער רבי ר׳ נעצעלי האט גיהייסין. דער גבאי! אט האט איהר עטליכע קערבליך, װאס דער רבי האט מיר גיהייסין איך זאל אייך געבין ער גיט יאחצין א ביסיטע געלד און געהט ארײן צוריק צום רבין יאחצע לופט און שאפט װאס מען זאל טהון, שרהלע האט גאר קיין צייט ניט, יענטיל לויפט אהין און אהער און בענדיט װיל לויפין ער דרעהט זיך און שטעהט אויף איין ארט א כלל עס ראשט זיך.)

דער פארהאנג פאלט.

פינפטער אקט.

עס קומט פאר א חופה מיט דער גאנצער צערעמאניע בייא ר׳ יאחצין אויף דעם הויף, דער רבי שטעהט אונטער דער חופה אין א קיטעל און אין א װייסער זשיפיצע, גאלדעלע שטעהט נעבין איהם, דאס פנים מיט דעם פרוכת פון דער שול איבער גע־העקט, ארום שטייען מחותנים, אונטער פיהרעדס מיט הבדלות, דער רבי טוהט אהן גאלדעלען דאס טבעת־קדושין און זאגט מיט א פרומע הויה: הרי את ... ר׳ יאחצע מיט שרהלע זענען איבער גליקליך.) דער חזן (לייהענט דיא כתובה) בחמישי בשבת וכו׳ איך הר׳ משה בר׳ שלמה הלוי אמר להדא בתולתא גאלדע בת ... ר׳ יאחצע (טוט װיא א מת) וו ... וו ... װאס? שרהלע: װאס זאגט ער? גװאלד װאס איז דא אחינם? משהלע (װארפט פון זיך אראפ דיא מסקע) איך בין עס! (עס װערט א סו־מאטאכע, ר׳ יאחצע מיט שרהלין חלישין, אסך מענטשין מונטערין זייא דיא כלי זמר שפילען װייטער חברה טאנצען) ר׳ יאחצע (שרייט גאר ניט מיט זיין קול:) א גט! א גט! תיכף מוז זיין א גט! שרהלע (ברעכט דיא הענד) גװאלד מען האט אונז אפ גינארט! יא איז מיר, תיכף מוז זיין א גט! (זיא װיינט און קלאגט) משהלע (געהט צו אונ קושט

זיא דיא הענד) זייט מיר מוחל מיינע ליעבע שװער אונ שװיגער! האט רחמנות אויף אונזערע יונגע יאהר, האט גאט אין הארצין און צו שיידט אונז ניט, מאכט אונז ניט אומגליקליך מיר זענין יונגע קינדער װאס מיר קענין לעבין גליקליך אויף דער װעלט.

ר׳ יאבצע מיט שרהלין: שגץ, עכבריש, א גט סופר! װיא איז דער סופר? א גט! תיכף מוז זיין א גט! בענדיט (װיינענדיג אויף א קול) זאל מיך קאסטין יהיה מי שיהיה, װעל איך עס ניט דערלאזין, אז משהלע נעמט ניט גאלדעלען נעם איך ניט יענטלין פאר כל אל דאלמין! װאסושע האב איך אזא צייט געליטין הונגער? גיפאכבנים פאר א שטיקעל ברויט? לא יחרץ כלב לשונו, איך װעל ניט שװייגין, עס איז ניט הפקר א װעלט!

יענטיל: האס רחמנות מומעניא אויף אייער איינציג קינד און אויף אונז אויך און צו ברעכט ניט א בנין. אברהמיל װארפט פון זיך אראפ דיא מאסקע) אצונד מוז איך אייך זאגין ר׳ יאחצע איהר זעגט א מאבד עצמו לדעת, װיא האט מען עס גיהערט אויף דער װעלט, צו װיא פארלויפט זיך אזא גליכין אז בייא היינטיגע צייטין זאלין מענטשין זיין אזוי פארפיהרט, עס איז דאך נאר א בושה פאר גאט און פאר לייט, מיינט איהר ניט אז איהר לעבט צוריק מיט פינף הונדערט יאהר? איהר פארגעסט אויף װאס פאר א װעלט איהר געהט ארום. װער הערט אייך מיט אייער יחוס? היינט איז מען שוין גע־װאהר געװארין פון דעם סוד אז דער עיקר איז יחוס עצמו, מאכט זשע שוין איין ענדע פון אייערע שטותים װארים נמין װעלין זייא זיך בשום אופן ניט. גאלדעלע װעט לעבין מיט משהלין אין א גוטער שעה גליקליך װיא גאט האט געבאטין און איהר װעט בלייבין אומזיסטיגע נארענעם, זייט זשע בעסער קלוג און בענטשט דאס פאר פאלק און לאזין אייך מקנא זיין גאט און לייט, עס איז שוין צייט איהר זאלט האבין נחת איהר האט איבער אייערע נארישקייטין גענוג געליטען. אלע מענטשין (שרייען אין איינעם:) גירעכט גירעכט, ר׳ אברהמיל איז גירעכט, נא נא ר׳ יאחצע! שרהלע! גענוג גיגאנגין א קעגין גאט ב״ה איהר זעהט דאך אז דער זיװיג איז מן השמים, גאט װיל אזוי? װילט איהר זיין קליגער פון גאט? בענטשט דאס פאר פאלק דער זיװיג זאל עולה ליפה זיין.

א סך יודען מיט װייבער: גיפעלט דיר אביסיל!... װאס שטעהט אייך אזוי ניט אן ר׳ משהלע, אזוינע יאהר און טעג זאלין מיר האבין װאס פאר א יונגערמאן ר׳ משהלע איז, אט האט ער אייך אויסגילייזט פון לײטישע הענד מען זאל אייך ניט פערקויפין אויפין בארא־באן, ער האט בעצאהלט אייערע חובות. איין יודענע: מיר פאר א קאפ־האן. נאך א יודינע: מיר פאר ציבעלים. נאך א יודינע: מיר פאר קארטאפליעס. אלע קרעדיטארין: און אונז האט ער בעצאהלט מיטין פראצענט.

דער רב (דער רב געהט צו צו ר׳ יאחצין) ר׳ יאחצע סערדצע! בית דין של מטה מכוון כנגד בית דין של מעלה, אז איין עדה יודען זאגען עס איז גלייך אזוי, מן הסתם איז עס א סייעתא דשמיא, בענטשט דאס פאר פאלק עס איז שוין ניט פריה

און זייא פאסטין נאך ר' יאחצע־מיט שרהלין וויינען און בענטשין דאס פאר פאלק, בענדיט חאפט יענטילן און שלעפט זיא צו צו ר' יאחצין ער זאל זייא אויך בענטשין, אלע שרייען מזל טוב, דיא כלי זמר שפילין, אלע טאנצען א ראד. און בענדיט שטעהט אין דערמיט, און זינגט דאס ליעד און יענטיל העלפט איהם אונטער:

בענדיט (זינגט:)

היינטיגע וועלט
איז גאר געשטעלט
פאר דעם וואס האט געלד
יחוס אליין
איז צו קליין
קיינער וויל דאס היינט נים אנזעהן.

יענטיל (העלפט אונטער)

„יחוס נא קברות"
„א אוו דאמיע צרות"
אהוי זאגט יעדערער אין היינטיגער צייט
ווער עס האט מטבעות
א סך מאות
אט דער הייסט היינט א לייט.

בענדעט (אליין).

ר' משהלע האט געזעהן
אז גאלדעלע איז שיין
האט ער פאר איהר געוואלט א חתן ווערין
ער האט געלד א סך
און דיא איז אין יחוס רייך
אויב דאס איז א זווג איז גאר נים צוקלערין.

* * *

נאר דער וויסטער יחוס
צו אלדע רוחות
האט זיך דא ארין גימישט פאר א שטן
אז ר' משהלע האט דאס דערהערט
האט ער א גוט מיטעל אפ גיקלערט
און עס איז איהם גאר וואויל געראטען.

יענטיל (העלפט אונטער.)

וויא א קליג קעצעלע
האט דער פאלשער ר' געצעלע
זיך געמאכט פאר אין אמתין גוטען יודען
איצט האט דער קליגער פערשוין
גאלדעלין פאר זיין ווייב שוין
און איהרע עלטערין זענען אויך צופרידען.

ביידע (זינגען און פאטשין צו מיט דיא הענד.)

אט אזוי אט אזוי נארט מען אפ שווער און שוויגער
ווען זייא ווילען זיין פון דער גאנצער וועלט קלוגער.

מקשיר ספרים.

דער פארהאנג פאלט.